STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03194

# LEHR-BIKHEL FUN DI FAREYNIGTE SHTAATEN

Elizabeth C. Buel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# לעהר-ביכעל

# פון די פאראייניגטע שטאאטען

## פאר די אינפאָרמאציאָן

## פון אימיגראנטען

צוזאמענגעשטעלט פון

עליזאבעטה ק. בארני ביזעל

פאָרזיצענדער פון לעהרביכעל קאָמיטעע נ. ס. ד. א. ר.

ארויסגעגעבען פון

דער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט

טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן

(דאָטהערס אוו דהי אמעריקאן רעוואָלושאָן)

1925



דאָס איז די הויפּט געביידע פון אמעריקא, דער קדשי קדשים פון דער אמעריקאנער נאַציאָן.
דאָ ווערען געמאַכט אלע געזעצע פון לאנד. אויך דער הויפּט געריכט פון לאנד „דער „סופּרים קאורט“
געפינט זיך אין דיזער געביידע.

# אינהאלט־פארצייכעניס


זייט

פאָררעדע צו דער דריטער אויפלאגע — 5
א וואָרט צו אימיגראנטען — 7
דעם אמעריקאנערס גלויבען — 8
קבלת פנים — 9
א וואָרט צו די אימיגראנטען — 14
געפינען ארבייט — 14
ארבייט געזעצע — 15
לעהרנט ענגליש — 16
די פאָלקס שולען; מעלות פון בילדונג — 18
הילפע צו ווערען א בירגער — 18
מעלות פון בירגערטום — 19
פליכטען פון א גוטען בירגער — 20
געזעצע ווי צו ווערען א בירגער (פאר מענער און פרויען) — 20
די פאראייניגטע שטאאטען — א קורצע היסטאָריע — 24
די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען — 26
די אימיגראציאָנס געזעצע — 30
די אמעריקאנער פאָהן — 32
זייט איר אן ערד ארבייטער? (הילפע און עצות) — 39
אגריקולטור פארמעגען — 40
וועגען קויפען א פאַרם — 41
לאנד־קארטע פון די פאראייניגטע שטאאטען — 44
מינעראלען אייגענטום — 46
אינדוסטריען פון די פאראייניגטע שטאאטען — 47
באפעלקערונג פון די שטאאטען — 49
וואָס די קאָנסטיטוציאָן טוט אויף פאר די בירגער — 51
הקדמה צו דער קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען — 52
קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען — 54
גוטע עצות פאר מענער און פרויען — 76



דאָס איז די היים פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאציאָן, טעכטער פון דער אַמעריקאנער רעוואָלוציאָן
(„דאָטהערס אָוו דהי אַמעריקאן רעוואָלושאָן”), וואַשינגטאָן, ד. ק.

# פאָרעדע צו דער דריטער אויפלאַגע.

דיזע דריטע אויפלאַגע פון דעם לעהרביכעל איז איבערגעדרוקט פון דער צווייטער אויפלאגע און עטוואס צוגעזעצט און געענדערט בלויז אזעלכע זאכען וואָס זענען געוועזן נויטיג צו ברענגען עס צו דער לעצטער מינוט.

א באגריסונגס רעדע מיט א פריינדליכען שלום עליכם צו די אימי־גראנטען פון מרס. אנטהאָני ווייען קוק, דער גענעראל פרעזידענט פון דער נאציאָנאלער געזעלשאפט פון די טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן (1923—1926) איז צוגעזעצט געוואָרען.

די געזעצע ווי ריכטיג צו באנוצען און ארויסהייגען די אמעריקאנער פלאג איז דאָ קאָרעגירט געוואָרען, אזוי אז עס שטימט מיט די לעצטע געזעצע וועגען פאָהנען, אָנגענומען יוני דעם 14טען, 1923, פון דער נאַ־ציאָנאַלער פלאג געזעץ קאָנפערענץ. דער דאָזיגער קאָנפערענץ איז צו־זאַמענגערופען געוואָרען פון דער נאציאָנאלער אמעריקאניזירונגס קאָמיסיע פון דעם אמעריקאנעם לעגיאָן, האָט געהאט פארטראָטען 68 גרויסע נאציאָנאלע ארגאניזאציעס, צווישען זיי אויך די „טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן", וועמענס פרעזידענט גענעראל, מרס. קוק, איז ערוועהלט געוואָרען וויצע־פּאָרזיצענדער, האָט דער קאָנפערענץ זיך פארזאמעלט אין דעם מעמאָריעל קאָנטינענטאל האָל און האָט פאר־פאסט און אָנגענומען איינפאָרמיגע און באשטימטע געזעצע בנוגע פאָהנען, מנהגים און פיהרונגען ווי צו באגריסען די פלאג און ווי זי באַ־האַנדלען, וועלכע פאָרמירען דעם באזיס פון די געזעצע פאַר דער פאָהן, וועלכע זענען דאָ געדרוקט. די דאָזיגע פארשריפטען פאָרמירען דארום די אָטאָרעטאַטיווע מיינונגען און פרינציפּען פון פאטריאָטישע געזעלשאפטען פון די פאראייניגטע שטאַטען און פון דער ארמעע און פלאָטע עקספערטען. זיי ווערען אויסגעפאָלגט ביי דער גרעסטער צאָל פון די אָרגאַניזאַציאָנען וואָס האָבען טיילגענומען אין דעם קאָנפערענץ, און אויך 45 אַנדערע אָרגאַניזאציעס וואָס האָבען צייט דאַמאָלסט אָנגענומען די דאָזיגע פאָר־שריפטען. דורך דעם איז דאָס געוואָרען דער אָנגענומענער מנהג פון איבער 20,000,000 מענשען.

עטליכע קליינע ענדערונגען זענען געמאכט געוואָרען אין דער שפּראַך דאָ און דאָרטען אין דעם טעקסט פון דעם ביכעל, און א קארטע פונ'ם לאַנד, מיט די הויפּט שטעדט פון די פארשיידענע שטאַאטען איז צוגעזעצט געוואָרען.

מיר דריקען אויס נאָכאַמאָל אונזער פארלאנג אויסצודריקען א

הערצליכען דאַנק צו אַלע לערער, אימיגראַציאָנס באַאמטע און פריידיגער פון אמעריקאַניזם, וועמענס אינטערעסע און הילפע האָט פיעל מיטגעהאָל־פען צו מאַכען דיזע ביכעלע אַ ערפאָלג.

עליזאבעטה ק. בארני ביזעל,

פּאָרזיצענדער פון דער קאמיטעע פאר דעם
מאַנועל פון די פּאראייניגטע שטאַטען
פאָר אימיגראַנטען און פרעמדע.
נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די טעכטער
פון דער אמעריקאַנער רעוואָלוציאָן.

ליטשפיעלד, קאָננעקטיקוט,
יוני, 1924.

# אַ וואָרט צו אימיגראַנטען

דיזעס ביכעלע ווערט אייך געגעבען פון דער נאציאָנאלער אָרגאניזאציאָן, וועלכע רופט זיך „טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן“ (דאָטהערס אָוו דהי אמעריקאן רעוואָלושאָן), מיט דער האָפנונג, אַז איהר וועט פון דעם ציהען א גרויסען פּראַקטישען נוצען אין לערנען וועגען אונזער לאַנד, די מעגליכקייטען וואָס זיינען דאָ פאראנען, די פאָרמען פון אונזער רעגירונג, און ווי צו ווערען אַ פּאַטריאָטישער אַמעריקאנער בירגער. באַמערקונגען וואָס וועלען אייך פיעל מיטהעלפען וועט איהר געפינען ביי דער ענדע פון דיזען ווערק.

# דעם אַמעריקאַנער׳ס גלויבען

איך גלויב אין די פאראייניגטע שטאַאַ־טען פון אמעריקא אלס א רעגירונג פון דעם פאָלק, ביי דעם פאָלק, און פאַר דעם פאָלק, וועמענס רעכט צו רעגירען קומט דורך דער צושטימונג פון די רעגירטע אליין; אַ דע־מאָקראַטיע אין אַ רעפובליק; אַ הערשענ־דע נאַציאָן פון פילע זעלבסטהערשענדע שטאַאַטען; אַ פאָלקאָמענע פאראייניגונג, איינע און אונצוטיילבאַרע יוניאָן, געגרינ־דעט אויף דיזע פרינציפען פון פרייהייט, גלייכהייט, גערעכטיגקייט, און מענשליכ־קייט, פאַר וועלכע אַמעריקאַנער פאַטריאָ־טען האָבען מקריב געווען זייערע לעבענס און זייערע פאַרמעגענס.

דארום גלויב איך בלב שלם, אַז עס איז מיין פליכט צו מיין לאַנד צו ליעבען עס; צו אונטערשטיצען די קאָנסטיטוציאָן; אויספאָלגען די געזעצע; צו רעספעקטירען די פאָהן; און צו פאַרטיידיגען דיזעם לאַנד געגען אַלע שונאים.

וויליאם טיילאָר פעידזש.

# א באגריסונג פון דעם פרעזידענט גענעראל פון דער נאציאָנאַלער געזעלשאַפט, טעכטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן, צו די ניי־אָנגעקומענע אין די פאַראייניגטע שטאַאטען פון אמעריקא.

צו אייך וואָס איר קומט איצט צו אונזערע ברעגען ווי אונזערע אייגענע עלטערען זיינען אמאָל געקומען, שטרעקען מיר אויס א פריינדליכע האנד מיט א ווארימען שלום עליכם. מיר זאָגען אייך ווילקאָמען צו געניסען פון דער ציוויליזאציאָן און די אינדוסטריען וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרען לטובה אייך און אונז.

פאר איבער צוויי הונדערט יאָר צייט האָבען די מענשען וואָס זיינען פאר אייך אהערצו געקומען פון פילע לענדער געהאָלפען באשאפען פון שיה־פיה אָט די גרויסע און שטארקע נאציאָן אין וועמענס טוירען איר זענט איצטער אריינגעקומען. אלעס וואָס אמעריקא האָט איצטער גרייט פאר אייך איז מעגלאך געמאכט געוואָרען דורך די קרבנות און ערליכע אנשטריינגונגען פון די ערשטע איינגעוואנדערטע אין די פאראייניגטע שטאאטען און זייערע קינד'ס קינדער.

עס האָט געפאָדערט פון אייך א סך מוטה צו פארלאָזען אייער געבורטסלאנד, אייערע קרובים און פריינד פון דער אלטער וועלט, און צו ריזיקירען אייערע גאנצע פארמעגענס אויף דער רייזע צו א נייער וועלט און פרעמדען לאנד. מיר נעמען אָן, אז איר האָט געמאכט אָט דעם געוואגטען שריט דערפאר, ווייל איר ווילט זיך באנוצען מיט די געלעגענ־הייטען וואָס אמעריקא פארמאָגט אייך אָנצובאָטען, פאר אייך און פאר די וואָס זיינען אייך נאָהענט און ליב.

אלס שכר פאר דעם, וואָס אמעריקא האָט אייך אָנצובאָטען, דארפט איר בייטראגען אייער טייל מיט דעם, וואָס איר וועט לערנען אונזער שפראך, אויספאָלגען אונזערע געזעצע, רעספעקטירען אונזער פאָהן און די נאציאָן וועמען די פאָהן רעפרעזענטירט, אזוי אז איר זאָלט אזוי שנעל ווי מעגליך ווערען א בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

אום אייך מיטצוהעלפען אין דער דאָזיגער ארבייט האָבען מיר, די טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן, די וואָס שטאמען אָב פון די מענער וואָס האָבען געקעמפט און אוועקגעלעגט זייערע לעבענס אין דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה, כדי אמעריקא זאָל זיין דאָס געבענשטע לאנד פון געלעגענהייטען פאר אלע פעלקער פון דער ערד, מיר האָבען דיזעס

ביבעלע געדרוקט פאר אייער נוצען. מיר געבען עס צו אייך, און בעטען אייך דאס צו האלטען און צו באנוצען. דאס איז איינע פון די מיטלען, מיט וועלכע מיר באנוצען זיך אייך צו באגריסען און אייך צו זאגען, אז איר זייט ווילקאמען ביי אונז אין לאנד, אויף צו זאגען אייך ווי אזוי איר זאלט דא געפינען אייער היים און אייער גליק אין אונזער גרויסען לאנד, וועלכע מיר ווינשען זאל אויך ווערען אייער לאנד, אויב איר וועט זיין ארבייטזאם, גאטספארכטיג, און האבען דעם נויטיגען דרך ארץ פאר אונזערע געזעצע און אונזערע אינסטיטוציעס.

לארא העינס קוק,
פרעזידענט גענעראל, נאציאנאלע געזעלשאפט,
טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן.

יאנואר 24, 1924.

# קבלת פנים באגריסונג פון פריערינען פרעזידענט גענעראל.

ווילקאָמען צו די פאראייניגטע שטאאטען זענט איר אלע מענער, פרויען און קינדער, וועלכע קומען צו דיזער לאנד באזועלט פון דער אידעע צו ווערען לאָיאלע, געזעץ־ליבענדע בירגער.

צו אלע אזעלכע גיט די נאציאָנאלע אָרגאניזאציאָן פון „די טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן" (דאָטהערס אוו אמעריקאן רעוואָלושאָן) א ווארימען שלום עליכם און אן ערנסטען און הערצליכען ווילקאָמען.

די געזעלשאפט, וועלכע גיט אייך דיזען קבלת פנים, באשטעהט פון פרויען וואָס שטאמען אָפּ דירעקט פון מענער, וועלכע האָבען געקעמפט אין דער מלחמה פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט זיך אָנגעפאנגען אין יאָר 1775,און געדויערט ביז 1781 ; זיי האָבען געקעמפט צו עטאבלירען און אויפצוהאלטען א פרייע רעגירונג, וועלכע זאָל אלעמען פארטרעטען און אין וועלכער אלע בירגער זאָלען גלייך אנטייל נעמען. ביי אונז לעבען און ארבייטען אלע מענשען בשלום ושלוה אונטער געזעצע, וואָס זיי האָבען אליין באשאפען.

גלייך נאָך דעם ווי יענע מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָבען די איינוואוינער פון די פארשידענע שטאאטען (סטייטס), וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער מלחמה, זיך גענומען באשאפען א קאָנסטיטוציאָן אונטער וועלכער זיי זאָלען צוזאמענלעבען. אונטער דער גערעכטער און פרייער רעגירונג, וועלכע איז אונז פארזיכערט געוואָרען אונטער דער קאָנסטיטוציאָן, האָט אונזער לאנד געוואקסען פון דרייצען שטאאטען („סטייטס", אזעלכע מינים גובערניעס, אָדער פראָווינצען.) אויף אכט און פערציג שטאאטען. די באפעלקערונג האָט זיך פארגרעסערט פון דריי מיליאָן צו אן ערך הונדערט און פינף מיליאָנען נפשות ; אין רייכטום און אין פראָגרעס, אין קונסט, אין וויסענשאפט, און אין אינדאָסטרי, האָבען מיר אריבערגעוואקסען אלע לענדער פון דער וועלט.

די פאָהן פון אונזער לאנד באשטעהט פון דרייצען רויטע און ווייסע פאסען, זיבען רויטע און זעקס ווייסע פאסען, כנגד די דרייצען שטאאטען וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָן, און אכט און פערציג שטערען כנגד די אכט און פערציג שטאאטען וואָס שטעלען איצטער צונויף די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

„די טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן" זיינען אָרגאניזירט געוואָרען פון די אייניקלאך פון דיזע וואָס האָבען געקעמפט אָדער גע-

דינט אין דער מלחמה פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן, און וועלכע האָבען דורך זייער מקריב זיין זיך אונז געגעבען דיזע פאָהן.

אונזער אָרגאַניזאציאָן איז געגרינדעט געוואָרען מיט׳ן צוועק צו ערוועקען און אויפצוהאלטען פאטריאָטיזם, אָנצוהאלטען א לעבעדיגע און דויערענדע ליבע צו אונזער לאנד און צו זיינע אינסטיטוציעס. איינע פון אונזערע אויפגאבען איז צו העלפען פרעמדע, וועלכע קומען צו אונז אין לאנד אריין, צו פארשטעהן אונזער רעגירונג און אלעס וואָס אונזער פאָהן רעפרעזענטירט.

זייענדיג שטאָלץ אויף דעם, וואָס אונזער סדר היחוס צייגט אז מיר שטאמען אָפּ פון מענשען וואָס האָבען געגרינדעט אונזער רעגירונג, פאַר־שטעהען מיר, אז אלע אנדערע וואָס קומען צו דיזע ברעגען מיט עהרליכע און אויפריכטיגע אבזיכטען, אזוי ווי אונזערע עלטערען זיינען געקומען, זאָלען האָבען גלייכע געלעגענהייטען און עהרע.

אין דיזען גייסט, אין גייסט פון ברידערליכקייט און פריינדליכקייט, שטעלען מיר, די טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן, אויס א פריינדליכען שלום עליכם און זאָגען אייך „ווילקאָמען צו אונזערע ברעגען".

אויב עס איז אייער אבזיכט, ווי עס דארף זיין, צו ווערען א טייל פון אונזער אמעריקאנער פאמיליע, ווילען מיר בלב שלם אייך שטיצען און העלפען איינאָרדענען אייער צוקונפטיגע היים צווישען אונז, אזוי אז איר זאָלט קענען געניסען בהרחבה׳דיג דאָס בעסטע וואָס אונזער לאנד פארמאָגט. מיר דארפען אייער הילפע אין היטען און געניסען און אנט־וויקלען די אידעאלען פון אמעריקאנעם לעבען. מיר פאָדערען פון אייך צו ווערען א בירגער פון אונזער לאנד, דאָס אָנצונעמען אלס אייער לאנד, צו שטודירען די געשיכטע, זיך צו באקענען מיט דער ליטעראטור, די טראדיציאָנען און די געזעצע פון דעם לאנד. מיר האָפען, אז איר וועט אָבשפּאָרען געלט און זיך קויפען א היים, ווארים מיר גלויבען אז דאָס טוענדיג, וועט איר אָנהויבען צו פיהלען א גרעסערען אינטערעס אין דעם אדאָפּטירטען לאנד.

עס זיינען פאראנען אבטיילונגען פון אונזער געזעלשאפט אין די הויפּט שטעדט און שטעדטלאך פון די פאראייניגטע שטאאטען. מיר בעטען אייך צו לאָזען וויסען וואו איר געפינט זיך צום פארטרעטער פון אונזער געזעלשאפט אין דער שטאָדט וואו איר זייט. זי וועט מיט צופרידענהייט אייך געבען אזעלכע סאָרטען אינפאָרמאציאָנען וואָס וועלען אייך מיטהעלפען איינצואָרדנען זיך צווישען אונז אלס בירגער.

עס איז א גרויסע עהרע צו ווערען אן אמעריקאנער בירגער. עס איז פונקט אזא עהרע צו פארדינען דיזען כבוד דורך איבערגעבענהייט

צו אונזער לאנד און דורך אויספאלגען זיינע געזעצע. מיר לאדען אייך איין צו ווערען א בירגער.

די פרייהייט פאר וועלכע אונזערע פאטערס האבען געקעמפט און אונזערע מוטערס האבען געארבייט און גאט געבעטען, ווילען מיר מיט צופרידענהייט טיילען מיט אייך, אבער מיר בעטען אייך צו געדענקען, אז פרייהייט מיינט ניט הפקרות אדער אונגעזעצליכקייט. אמת'ע פרייהייט, אזעלכע ווי מיר באטען אייך אן אין דיזען לאנד, מיינט פרייהייט צו געניסען אלע רעכטע און ברכות וואס קומען פון פרייהייט אזוי לאנג ווי איר שטערט ניט די רעכטע און פרייהייט פון אנדערע. עס איז די לאנד פון גלייכע געלעגענהייטען און מעגליכקייטען פאר אלע־מען. מיר עפענען ברייט די טירען פון געלעגענהייט צו אייך, און לאדען אייך אריינצוקומען.

אננע ראדזשערס מיינאר,

פרעזידענט גענעראל, נאציאנאלע געזעלשאפט, טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן.

# אַ וואָרט צו די אימיגראנטען

זייט אַמעריקאַ איז אנטדעקט געוואָרען זיינען שוין מער פון 33,000;000 אימיגראנטען אריינגעקומען אין די פאראייניגטע שטאַאטען.

די גרעסטע טייל פון דיזע זיינען געוועזן פון אייראָפּעאישער אָפּשטאַמונג. זיי זיינען געקומען אהערצו דערפאר וואָס זיי זיינען געוועזן ארים און געזוכט צו מאַכען א לעבען און בויען א היים פאַר זיך און פאַר זייערע פאַמיליען. זיי זיינען אויך געקומען דערפאַר וואָס זיי האָבען געזוכט צו אנטלויפען פון טיראַניי. די ארימקייט, אומגליק און אונטערדריקונג, וועלכע האָט פילע פאראורזאכט צו אימיגרירען, איז געוואָרען א זאַך דער פארגאַנגענהייט. דאָ האָבען זיי געפונען צופרידענהייט און גליק. אמעריקא ערוואַרטעט אַז די וואָס קומען אהערצו זאָלען רעספּעקטירען אירע אינסטיטוציעס, אָפּהיטען אירע געזעצע, זיין פרידליך, עהרליך און ארבייטזאַם, ווערען בירגער, און ז י י ן אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר. אַמעריקאַ ערוואַרטעט די נייע אָנגעקומענע צו רעספּעקטירען און פארטיידיגען די פאָהן וואָס פארטיידיגט זיי; צו ליבען, עהרען און געטריי זיין צום לאַנד וואָס גיט זיי פרידען, גליק און עשירות; צו מאכען זיי זאָלען ווערט זיין אָנצונעמען דעם כבוד פון אמעריקאנער בירגערטום; צו ווערען א מ ת ׳ ע אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר מיט׳ן גאַנצען הארצען און מיט דער גאַנצער נשמה.

# געפינען ארבייט

עס זיינען פאראנען א גרויסע צאָל קאַנטאָרען ,וואָס העלפען צו געפינען ארבייט („עמפּלאָימענט עידזשענסים") און זיי אלע רעכענען דערפאַר א געוויסען געצאָלט. עס זיינען פאראנען אין יעדען שטאַאט געזעצע וואָס רעגולירען דיזע קאַנטאָרען. אויב איר געהט צו א פּריוואַטען אַגענט אָדער קאנטאר וועגען א פּלאַץ, געפינט אויס צו האָט ער אַן ערלויבניש פון דער רעגירונג צו טאָן דיזע ארבייט, און צו ער האָט אַ רעפּוטאַציע אַלס עהרליכער און אַלס אזעלכער אויף וועמען מען מעג זיך פאַרלאָזען.

אָבער חוץ די פּריוואטע קאַנטאָרען און אַגענטורען זיינען פאראנען קהל׳שע אָרגאַניזאַציאָנען וואָס וועלען אייך העלפען געפינען ארבייט. דאָס זיינען פאָלגענדע: „די יאָנג מענס קריסטיאַן אַסאָסיאיישאַן", „יאָנג ווימענס קריסטיאַן אַסאָסיאיישאַן", דזשואיש וועלפעיר באָארד", „סאַלוויישאַן ארמי" און די „נייטס אָוו קאַלומבוס". זיי האָבען אָפּטיילונגען אין כמעט אלע הויפּט שטעדט פון לאַנד. צווייגען פון רויטען קרייץ וועלען אויך געבען אויסקינפטע וואו זיך צו ווענדען אום צו געפינען א פּלאַץ, אָדער צו לייסטען הילפע אויב מען איז קראַנק אָדער

אזוי אין נויט. יעדע איינציגע פון דיזע ארגאניזאציאָנען וועלען אייך העלפען אין פילע פארשידענע וועגען.

אין פילע שטאאטען (גובערניעס) האָט אויך די רעגירונג אליין איינגעשטעלט אזעלכע קאנטאָרען צו קריגען ארבייט („עמפלאָימענט איידזשענסים"), און דיזע קאנטאָרען העלפען אייך קריגען א פלאץ און רעכענען קיין שום געצאָלט ניט פאר דעם. דיזע קאנטאָרען געפינען זיך אין די הויפט שטעדט פון דעם שטאאט, אָבער זיי קענען אייך גאָר ניט העלפען, סאידען איר קענט פארשטעהן און רעדען ענגליש.

איר קענט זיי געפינען ווען איר פרעגט אָן ביי איינעם פון די אָרגאניזאציאָנען, וועלכע מיר האָבען פריהער אויסגערעכענט, וואו עס געפינען זיך די פרייע רעגירונגס קאנטאָרען פאר העלפען ארבייטסלאָזע.

## ארבייטס געזעצע

אלע שטאאטען (גובערניעס) האָבען זיך זייערע געזעצע וואָס געבען פראָטעקציע צו די מענער, פרויען און קינדער וואָס ארבייטען. דיזע געזעצע זיינען ניט אין אלע שטאאטען דיזעלביגע. עס איז דארום וויכטיג איר זאָלט זיך באקענען מיט די ארבייטס געזעצע אין דעם שטאאט, אין וועלכען איר מאכט זיך אייער היים.

ווען אן ארבייטער איז א בעל חוב, פארבאָטען די געזעצע פון יעדען שטאאט, אז מען זאָל פון דעם ארבייטער'ס שכירות ארונטערנעמען אויף דעם חוב מעהר ווי א געוויסען פּראָצענט. אין 40 שטאאטען (פון די 48 וואָס מיר האָבען אין די פאראייניגטע שטאָאטען) איז דער געזעץ אזוי, אז דער בעל הבית מוז באצאָלען שכירות צו ארבייטער פריהער פאר אלע אנדערע חובות.

פילע געזעצע פארהיטען דעם געזונד פון פרויען און קינדער וואָס ארבייטען דורך דעם וואָס עס איז באגרענעצט די ארבייטס שטונדען, דאָס הייסט, זיי טאָרען ניט ארבייטען מעהר ווי א געוויסע צאָל שטונדען אין טאָג; וואָס איז פארבאָטען געוואָרען צו באשעפטיגען פרויען און קינדער אין געוויסע מלאכות וואָס זיינען פארבונדען מיט א געפאהר; און דורך דעם וואָס מען צווינגט צו מאכען ריינע און געזונדע צושטענדע דאָרטען, וואו פרויען און קינדער זיינען באשעפטיגט. פילע שטאאטען האָבען געזעצע וואָס געבען א געוויסע צאָל פענסיאָנען צו אָרימע פרויען, וועמענס מענער זיינען געשטאָרבען אָדער געוואָרען אונפעהיג צו ארבייטען. די סומען זיינען פארשידען אין פארשידענע שטאאטען, אָבער זיינען גרויס גענוג צו פארזאָרגען די ארימע מוטער צו מאכען א היים פאר זיך און פאר אירע קינדער, אפצוהיטען די קינדער פון נויט.

פילע שטאאטען פארבאָטען צו באשעפטיגען פרויען און קינדער ביי נאכט.

קינדער ווערט געוועהנליך ניט ערלויבט צו ארבייטען איידער זיי ווערען פערצען יאָהר אלט, און מוזען אין פילע שטאאטען אפילו נאָך דעם נאָך אויך אָנהאַלטען דאָס לערנען אין שולען, טראָץ דעם וואָס זיי האָבען שוין דערגרייכט די ארבייטס יאָרען.

ווען ארבייטער ווערען באשעדיגט ביי דער ארבייט, קאָנען זיי פאָדערען באצאָלט דערפאר פון זייערע בעלי בתים. באשטימטע סומען ווערען באצאָלט פאר באשטימטע באשעדיגונגען. מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם קענט איהר געפינען ביי דער ענדע פון דיזען ביכעל צווישען די „גוטע עצות“, אונטער'ן קעפּעל „ווען איהר ווערט באשעדיגט“.

# לעהרנט ענגליש

ענגליש איז די שפּראַך וואָס ווערט גערעדט אין די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, און עס איז זעהר נויטיג איהר זאָלט דאָס לערנען. איהר וועט דאָס דארפען אום צו קריגען ארבייט. איהר וועט דאָס דארפען אום צו פארשטעהן וואָס עס רעדט צו אייך דער וואָס האָט אייך אָנגעשטעלט ביי דער ארבייט, אום צו פארשטעהן ווארנונגען און צייכענס פון געפאהר. נאָר ווען איהר פארשטעהט ענגליש וועט איהר קענען טאָן אייער ארבייט בעסער און לייכטער, און צו קריגען בעסערע שטעלען און מעהר שכירות.

איהר וועט דארפען ענגליש אום צו קויפען זאכען וואָס איהר באדארפט. אויב איהר באשעפטיגט זיך מיט אַקערבוי, וועט איהר דארפען די ענגלישע שפּראַך אום צו קענען פארקויפען אייערע פּראָדוקטען אָדער פּירות און אום צו קענען לעזען וועגען די בעסטע מעטאָדען ווי צו באארבייטען אייערע פעלדער. איהר דארפט אויך קענען ענגליש אום זיך צו קענען אויסהיטען פון אלערליי שווינדלער און פאקירען.

אויב איהר זייט פאראינטערעסירט אין לערנען ענגליש, וועט איהר ווערען ערשטוינט מיט וואָס פאר א לייכטקייט און שנעלקייט מען קען זיך אויסלערנען דאָס ביסעל וואָס ס'איז נויטיג אויף אויסצוקומען. ווען איהר וועט קענען ענגליש, וועט איהר פיהלען דאָס איהר זייט אן אמעריקאנער, און אז דאָס איז אייער היים. עס וועט אויך מיטהעלפען איהר זאָלט ניט פארפרעמדט ווערען פון אייערע קינדער, ווייל די קינדער וועלען דאָך לערנען ענגליש אין די שולען און איהר וועט בלייבען הינטערשטעלינג. סאַידען איהר וועט אויך לערנען. איהר וועט ניט זיין קיין שטומער מענש און וועט פיהלען אז איהר זייט ניט נידעריגער פאר אַלעמען. איהר וועט ניט דארפען אַנדערע זאָלען פאר אייך דארפען ריידען און אייך איבער־געבען וואָס יענער זאָגט. ענגליש איז אן אבסאָלוטע נויטווענדיגקייט אום צו קענען ווערען אן אינטעליגענטער בירגער און עס ווערט געפאָדערט צו קענען די שפּראַך פון די וואָס ווילען קריגען בירגער רעכטע. שטודירט

דעם פּלאַן פון אונזער רעגירונג. שטודירט די געשיכטע פון אמעריקא. שטודירט די פּראָבלעמען פון אונזער לאַנד היינט. דאַן וועט איר זיין דער סאָרט בירגער וואָס אמעריקא באדאַרף. איר וועט זיין אַ גוטער בירגער.

## ווי אזוי צו לערנען ענגליש

די ענגלישע שפּראַך איז זעהר אַ שעהנע. איר וועט זיך אויסלערנען צו ריידען די שפּראַך ריכטיג אויב איר וועט לערנען אין אַ שולע. במעט אין יעדער שטאָדט האָבען די פאָלק'ס שולען אויך קלאַסען פאַר ערוואַק־סענע מענער און פרויען צו לערנען ענגליש אין אבענד. אויב עס איז ניטאָ אזא שולע אין אייער שטאָדט, זעהט פאראינטערעסירט אייערע פריינד אין דעם. די שטאָדט וועט וואַרשיינליך באשאפען אזא שולע אויב גענוג מענשען וועלען דאָס פארלאַנגען.

באזוכט אן אָבענד שולע. מיט אַ גוטען לערער וועט איר אין דער שולע שנעל זיך אויסלערנען. הערט זיך צו מענשען ווען זיי ריידען ענג־ליש. די ענגלישע ווערטער וואָס איר האָט שוין אויסגעלערענט זאָלט איר באנוצען אזוי אָפט ווי מעגלאַך. בעט אימיצען אייך צו לערנען די נעמען פון זאכען, וואָס איר באנוצט אין אייער היים. לערענט אויס די נעמען פון די ווערקציינגע מיט וועלכע איר באנוצט זיך ביי דער ארבייט. לערענט אויס עטליכע נייע ווערטער יעדען טאָג. אין גיכען וועט איר באזיצען אַ גרויסע צאָל ווערטער.

אין שולע, בשעת איר לערענט זיך צו ריידען און פארשטעהן ענגליש, ווערט איר צו דער זעלבער צייט אויך געלערענט צו שרייבען און לעזען. לייהט ביכער אין די ביבליאָטעקען און לעזט זיי ביי זיך אין דער היים. דער ביבליאָטעקאר וועט מיט צופרידענהייט פאר אייך אויסקלייבען איינ־פאכע אָבער אינטערעסאנטע ביכלאַך. אז איר געהט אין גאַס, פּרובירט צו לעזען אלע שילדען און אנאנסען. פארצייכענט אייך ווערטער און אויסדריקע וואָס איר פארשטעהט ניט און ברענגט זיי מיט זיך אין קלאַס אריין. אייער לערער וועט דאָס אייך געבען צו פארשטעהן און וועט דאָס באנוצען אויף צו לערנען אנדערע. פּרובירט צו לעזען אַמעריקאַנער צייטונגען. די מענשען ארום אייך וועלען זיין צופרידען אייך מיט־צוהעלפען. האָט געדולד און ארבייט צו אביסעלע.

וואוינט ניט אין די ענגע טיילען פון דער שטאָדט צווישען די וואָס ריידען אַ פרעמדע שפּראַך. באגעגענט זיך וואָס מעהר מיט די וואָס ריידען ענגליש און ווערט פריינד מיט זיי. לעבט צווישען זיי אויב מעגלאַך. לערענט פון זיי ווי זיך אויפצופירען, זייערע מנהגים און זייערע אמעריקאנער אופנים פון לעבען.

## די פאָלקס שולען; מעלות פון בילדונג.

אמעריקא גלויבט שטארק אין בילדונג. מיט קליינער אויסנאהמע ווערען צוריקגעוויזען אלע אימיגראנטען איבער זעכצען יאָר אַלט, וועלכע קאָנען ניט לעזען. יעדער שטאאט האָט אירע געזעצע וואָס פאָדערט אַז קינדער פון די יאָרען 5 אָדער 7 מוזען אָנהויבען לערנען, אַ געוויסע צאָל חדשים יעדעס יאָר, און מוזען דיזע לערע אין די שולען אָנהאַלטען ביז זיי דערגרייכען דעם עלטער פון 12 ביז 16 יאָר. דאָס געזעץ פאָדערט געוועהנליך צו באשטראָפען די עלטערען וואָס שיקען ניט די קינדער אין די שולען ביז אַ געוויסען עלטער. אגוטע אונטעררוכטונג וועט מאַכען אייערע קינדער צו קענען באקומען בעסערע שטעלען נאָך דעם ווי זיי פארלאָזען די שולען. זעהט אַז אייערע קינדער זאָלען געהן אין שול אריין רעגעלמעסיג. האַלט זיי אין שול אזוי לאַנג ווי מעגליך. באקענט זיך מיט די וואָס לערנען אייערע קינדער.

אַלע שטאאטען האָבען אויסגעצייכענטע שול־סיסטעמען און עס איז פאָלקאָמען פריי דאָרטען צו לערנען. נאָך דעם ווי די קינדער געהען דורך אַ העכערע שולע (אזוי ווי אַ גימנאזיום, צום ביישפּיל), קענען זיי געהן אין אוניווערזיטעט אָהן געצאָלט, צו דורך דעם וואָס זיי צייכע־נען זיך אויס און קריגען ספּעציעלע ערלויבנישען (אין ענגליש ווערט דאָס אָנגערופען „סקאָלערשיפּ“), אָדער דורך דעם וואָס זיי ארבייטען דורך זייער וועג. אויסער די פּאָלקס־שול סיסטעמען, זיינען אין אמעריקא פאראנען אַ סך פּריוואַטע שולען און אוניווערזיטעטען. אין גרויסע שטעדט זיינען אויך פאראנען טעכנישע שולען און פּלעצער, וואו מען לערענט אַזעלכע סאָרטען מלאכות ווי סטאָלעריי, שלאָסעריי, בויען, קאָוועלעריי, טיפּאָגראַפיע, ארבייטען אויף אַ שרייב מאשין, מעטאַל ארבייטער, נייהען, קאָכען, באַקען, און אנדערע נוצליכע ארבייטען.

## הילפע אין פארפערטיגען זיך צו ווערען אַ בירגער

פילע וועגען זיינען פארבארייטעט געוואָרען אייך צו העלפען לערנען לעזען און שרייבען די ענגלישע שפּראַך, באַקאַנט צו ווערען מיט די מנהגים פון אמעריקא און אויסצוגעפינען די ריכטיגע באדיי־טונג פון אמעריקא. אויב איר קענט ניט ריידען קיין ענגליש און פאר־שטעהט ניט די קאָנסטיטוציאָן, זאָלט איר געהן צום נאָהענטסטען ראש פון אַ שולע און דערצעהלען אַז איר ווילט דיזעס לערנען און אַז איר וואָלט וועלען אריינטרעטען אין אַ קלאַס וואו דיזעס ווערט געלערענט צו ערוואַקסענע מענשען. מעגלאָך אַז ער זאָל פאר אייך גרינדען אזא קלאַס. אויב איר קענט ניט געהן אין שולע, זאָלט איר נעמען פּריוואַטע לעקציעס פון אַ גוטען לערער.

פרויען זאָלען אויך לערנען ענגליש אין אבענד שולען (נאַיט סקולס). פרויען וואָס ווערען בירגער קענען שטימען. זיי דארפען זעהען זיי זאָלען קענען אָבגעבען זייערע שטימען אויף א פארשטענדיגען וועג. אין איינינע שולען ווערט געלערנט נייהען און קאָכען. פארשידענע מלאכות ווערען אויך געלערנט אין איינינע שולן. אין איינינע שטעדט און שטעדטלאך האָבען די „טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציאָן" פרייע קלאַסען אין ענגליש פאר פרויען. זיי לערנען אויך נייהען און קאָכען.

די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען איז מקבל באהבה אלס בירגער גוטע מענער און פרויען.

## מעלות פון בירגערטום

א געוואָרענער בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען האָט פאָלגענדע פאָרציגע איבער א פרעמדען:

(א) ער קען שטימען אין די וואלען פון אלע באאמטע פון שטאָדט, שטאאט און נאציאָנאלער רעגירונג. אין איינינע שטאאטען קען ער אויך שטימען איבער דעם אָננעמען אָדער צוריקרופען געזעצע.

(ב) ער קען האלטען אירגענד וועלכען אמט אין די פאראייניגטע שטאאטען, אויסער דעם אמט פון פרעזידענט. (א „פרעמדער", דאָס הייסט, איינער וואָס איז ניט קיין בירגער פון לאנד, קען ניט האלטען קיין רעגירונגס אמט. א געוואָרענער בירגער קען אלע עמטער האלטען, חוץ פרעזידענט. א פרעזידענט מוז זיין אזעלכער, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין אמעריקא.)

(ג) ער קען קריגען א פאספאָרט צו רייזען אין אויסלאנד אונטער דער פראָטעקציע פון די פאראייניגטע שטאאטען. (צו די פרעמדע וואָס האָבען ניט אָנגעגעבען אז זיי ווילען ווערען בירגער פון לאנד ווערען קיינע רייזע פאספאָרטען ניט ארויסגעגעבען.)

(ד) ער קען קריגען רעגירונגס לאנד סיי פאר אקערבוי, סיי צו באארבייטען מינען. (א פרעמדער קען ניט קריגען קיין רעגירונגס ערד.)

(ה) ער מעג כאפען פיש און געהן אויף געיעג פונקט ווי אן אמעריקאנער געבוירענער. (אין איינינע שטאאטען טאָרען קיין פרעמדע געהן אויף געיעג אָדער פישען).

(ו) ער קען האלטען אירגענד וועלכע פאָזיציאָן, קהל'שע אָדער פירוואטע שטעלען.

(ז) ער קען זיין א געשוואוירענער אין א געריכט (פון די 12 געשוואוירענע וואָס געבען ארויס דעם פסק.)

(ח) ער איז בארעכטיגט צו אלע אנדערע פארזיכערונגען, פריווילעגיען, און פאָרציגע וואָס ווערען געגעבען צו א בירגער דורך דער קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען.

## פליכטען פון אַ גוטען בירגער

באנוצט אייער רעכט צו שטימען און שטימט עהרליך און אינטע־ליגענט; דאָס שטימרעכט איז די גרעסטע מתנה וואָס בירגערטום גיט אייך; עס איז דאָס סאַמע הייליגסטע רעכט פון אַ פרייען פאָלק. נעמט אָן אַלס געשוואָרענער פון אַ געריכט, ווען מען פאָדערט אייך אויף צו דעם. טראָגט וואַפען אין צייט פון אַ מלחמה. צאָלט טאַקסעס ניט פּרובירענדיג דאָס אויסצומיידען. שפּאָרט געלד רעגעלמעסיג און טוט דיזעס געלט אריין אין געשעפטען צו בריינגען פּאַרדינסטען. וואַרפט ניט קיין פּאַפּיר אָדער שמאַטעס אין די גאַסען אָדער פּאַלקס־גערטנער. האַלט די גאַסען און די הייזער וואו איר וואוינט ריין און שעהן. פאָלגט און רעספּעקטירט דאָס געזעץ, די געריכטע און די באַאמטע. פאָלגט און רעספּעקטירט די באַאמטע פון לאַנד און פון דער שטאַאט׳ס רעגירונג. רעספּעקטירט און היט אָפּ די פאָהן. האַלט אויף די רעגירונג און די קאָנסטיטוציאָן פון די פאַראייניגטע שטאַאטען און פון דעם שטאַאט אין וועלכען איר וואוינט. זייט נוצליך און איבערגעבען צו דעם שטעדטעל אָדער שטאָדט, צו דער קליינער געזעלשאַפט צווישען וועלכער איר וואוינט און צו דער גאַנצער נאַציאָן.

## געזעצע ווי צו ווערען אַ בירגער

אויב איר זייט שוין איבער אכצען יאָר אַלט און האָט זיך דאָ גע־מאַכט אייער היים, קענט איר אריינגעבען פאַר בירגער פּאַפּירען צום אַנגעשטעלטען פון דעם געריכט, וועלכעס גיט ארויס בירגעררעכטע אין דעם קרייז אין וועלכען איר וואוינט.

איר מוזט צו ערשט אריינגעבען פאַר די ערשטע פּאַפּירען, אָדער ווי דאָס ווערט אין אמעריקאַ אָנגערופען אַ „דעקלערייישאַן אוו אינטענ־שאַן". דיזעס מיינט, אַז איר ערקלערט דאָס איר האָט בדעה, און אַז עס איז אייער אַבזיכט צו ווערען אַ בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַאַ־טען. דאָס געצאָלט פאַר דיזען ערשטען פּאַפּיר איז איין דאָלאַר. בשעת איר גיט אריין פאַר דיזען ערשטען פּאַפּיר מעגט איר גאָרניט קענען. איר מוזט ניט קענען אפילו זיך אונטערשרייבען אייער נאָמען.

ניט פריהער ווי צוויי יאָר צייט נאָך דעם אריינגעבען פאַר די ערשטע פּאַפּירען, און ניט שפּעטער ווי זיבען יאָר נאָך דעם, קענט איר קומען ארויסנעמען אייערע צווייטע פּאַפּירען, וועלכע זיינען שוין די ריכ־טיגע און לעצטע בירגער פּאַפּירען. אום צו קריגען די צווייטע פּאַפּירען מוזט איר שוין קענען באווייזען דורך עדות פון צוויי אנטשענדיגע בירגער, וועלכע קענען אייך פּערזענליך, אַז איר האָט געוואָהנט לכל הפּחות 1 יאָר אין דעם שטאַאט אין וועלכען איר ווערט אַ בירגער; אַז איר האָט אַ

גוטען מאָראלישען כאראקטער, און אז איר וועט בלייבען געטריי דער קאָנסטיטוציאָן און דער רעגירונג.

אום צו קריגען די לעצטע פאפירען מוזט איר קענען ריידען, לעזען און שרייבען ענגליש. פאר די לעצטע בירגער פאפירען מוזט איר באַצאָלען פיר דאָלאר.

אויב איר זייט אָנגעקומען קיין אמעריקא ערשט נאָך דעם 29טען יוני, 1906, מוזט איר פריהער אריינשיקען א ביטע צו דער ביוראָ פון בירגערשאפט, וואשינגטאָן, ד. ק., זיי זאָלען אייך ארויסגעבען א פאפיר ווען איר זייט אָנגעקומען אהער אין לאנד אריין.

עס זיינען פאראנען נאָך פילע זאכען וואָס מען דארף וויסען ביים ווערען א בירגער, אָבער ווען איר וועט געהן צו דער ריכטיגער פערזאָן וועט איר דאָס לייכט אויסגעפינען. די ריכטיגע פערזאָן דאפיר איז: דער אָנגעשטעלטער פון געריכט, אָדער דער קלוירק פון יונייטעד סטייטס דיסטריקט קאורט, אָדער דער לערער פון אמעריקאניזם, אויב אזעלכער איז פאראנען אין די שולען פון אייער געגענד.

ניינציג טעג נאָך דעם ווי איר האָט אריינגעגעבען א פעטיציע פאר די צווייטע פאפירען, מוזט איר ערשיינען אין געריכט מיט צוויי עדות. אין דער זעלביגער צייט האָבען שוין די רעגירונגס אָנגעשטעלטע אונטערזוכט צי דאָס וואָס איר האָט אָנגעגעבען אין אייער פעטיציע איז ריכטיג. דארום זייט פאָרזיכטיג ניט צו מאכען קיינע פאלשע באהויפטונגען אין אייער פאפיר. עס איז א פאַרברעכען געגען געזעץ. דער וואָס עקזאמינירט אייך וועט אייך פרעגען פראגעס מכח אונזער רעגירונג און אונזער לאנד. אויב איר געהט דורך דעם עקזאמען, ווערט אייך ערלויבט צו נעמען די שבועה פון טרייהייט צו די פאראייניגטע שטאאטען. דאן זייט איר אן אמעריקאנער בירגער. איר קריגט א דאָקומענט צו באווייזען אייער בירגערטום (סערטיפיקייט אָוו נעטשוראלאזיישאָן).

ווען איר נעמט די שבועה פון טרייהייט צו אמעריקא מוזט איר זיך אָפּזאָגען פון אייער פריהערינגער היים און לאנד. אמעריקא זאָגט, אז ווען איר ווערט אן אמעריקאנער בירגער דארפט איר געדענקען, אז פון איצטער אָן האָט איר בלויז איין לאנד, און די איינע לאנד איז אמעריקא. אמעריקא פאָדערט פון אייך צו געדענקען, אז די פלאַג פון די פאראייניגטע שטאאטען באשיצט אייך. אירע געזעצען זיינען געמאכט פאר אייך אזוי גוט ווי פאר די וואָס זיינען דאָ געבוירען געוואָרען. זיי באשיצען אייערע אינטערעסען. דארום פארשפרעכט איר צו רעספעקטירען, צו עהרען, און צו פארטיידיגען די קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען. ליבען די פאָהן וואס באשיצט אייך. אויב איר וועט זיין טריי צום לאנד, וועט אמעריקא זיין צופרידען אייך צו האָבען פאר א בירגער. אויב איר ווילט ניט זיין טריי צו איר, פארלאנגט ניט מ'זאָל אייך מאכען פאר אַן אמע־

ריקאנעם בירגער. אין דעם פאל בעסער קעהרט אייך אום צוריק צו אייער געבורטס־לאנד.

באמערקונג. — אויב איר וואוינט אין קליוולאנד, אָהייאָ, מוזט איר געהן פאר אייערע בירגער פאפירען צו דער סיטיזענס ביוראָ, אָלד קאונטי קאָורט האוז, פּאָבליק סקוועיר. דאָרטען וועט איר קריגען הילפע און אינפאָרמאציע.

## ווי אזוי פרויען ווערען בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען

א נייער געזעץ פאר פרויען בירגער איז געפאסט געוואָרען דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922. איצטער קען ניט קיין פרעמדע פרוי ווערען א בירגער בלויז דורך דעם וואָס זי הייראט אן אמעריקאנער בירגער. א פרעמדע פרוי וואָס האָט געהייראט אן אמעריקאנער בירגער שפּעטער ווי דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, וועט בלייבען א „פרעמדע" ביז זי אליין וועט ניט אפּעלירען פאר בירגער פאפירען. פון נאָך דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, ווערט קיין פרוי ניט קיין בירגער דורך דעם וואס איר מאן נעמט ארויס בירגער פאפירען. זי מוז אליין אפּעלירען פאר דעם. די דאָזיגע פארהייראטע פרויען דארפען ניט האָבען קיינע ערשטע פאפירען. בלויז צווייטע פאפירען זיינען נויטיג פאר זיי. און פאר די צווייטע פאפירען קען א פרוי אפּעלירען ווען זי האָט געוואוינט דאָ אין לאנד בלויז איין יאָר צייט.

א פרוי וואס איז געווען אן אמעריקאנער בירגערין פאר דעם 22טען סעפּטעמבער, 1922, נאָר האָט פארלוירען איר בירגערטום דורכדעם, וואָס זי האָט געהייראט א מאן וואָס איז א בירגער פון אן אנדער לאנד, קען ווידער ווערען א בירגערין פון די פאראייניגטע שטאאטען. א פרוי וואָס הייראט א פרעמדען נאָך יענעם דאטום קען אויך ווערען א בירגערין אין דעם וועג ווי אלע. אין יעדען פאל מוז די פרוי נאָכקומען אלע געזעצע פון בירגערטום. זי מוז אריינגעבען א „דעקלעריישאָן אָוו אינטענשאָנס", דאָס איז א פאפיר אין וועלכען זי ערקלערט, אז זי האָט די אבזיכט צו ווערען א בירגערין פון די פאראייניגטע שטאאטען; זי מוז האָבען געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאאטען אמווייניגסטענס פינף יאָר, און אין דעם סטייט אין וועלכען זי וויל ווערען די בירגערין דארף זי האָבען געוואוינט ניט ווייניגער ווי איין יאָר צייט. אויב זי איז אהערצו געקומען נאָך דעם 29טען יוני, 1906, מוז זי קריגען א באשטעטיגונג פון איר אָנקומען אהערצו. זי מוז קענען ריידען ענגליש; זי מוז קענען מיט איר אייגענער האנד אָנשרייבען איר אייגענעם נאָמען.

א ניט פארהייראטע פרעמדע פרוי קען ווערען אן אמעריקאנער בירגערין אויך מיט'ן נאָכקומען די אלע בירגער געזעצע פונקט ווי מענער.

קיין פרוי קען ניט ווערען קיין בירגער, אויב איר מאַן האָט צוריקגעצויגען זיין אפּליקאציאָן פאר בירגערטום אום צו פארמיידען מיליטערישע דינסט אין דיזען לאנד בשעת עס איז אָנגעגאנגען די וועלט מלחמה.

א פרויען בירגערין פון די פאראייניגטע שטאאטען קען קיין מאָל ניט פאַרלירען אירע בירגער־רעכטע סאַידען זי גיט דאָס אויף מיט איר אייגענעם ווילען אין א געריכט פון בירגערטום.

אָבער ווען א פרוי הייראט א פרעמדען וועלכער קען קיין מאָל ניט ווערען קיין בירגער, דאן פארלירט זי איר אייגענע בירגערטום.

א פארהייראטע פרוי וועמענס מאן איז ניט בארעכטיגט ווען־עס־איז צו ווערען א בירגער קען אליין אויך ניט ווערען קיין בירגערין אזוי לאנג ווי זי בלייבט פארהייראט צו דעם מאן.

קיין פרוי וואָס באלאנגט צו אזא ראסע אָדער קאָליר, וואָס קען ניט ווערען קיין בירגער, אָדער וואָס באזיצט אנדערע געזעצליכע פארבאָטען צו בירגערטום, קען ניט ווערען קיין בירגערין פון די פאראייניגטע שטאאטען.

# די פאראייניגטע שטאַטען — א קורצע היסטאָריע

ווען קאָלאָמבוס, אן איטאליענער, האָט ענטדעקט אמעריקא, אין יאָר 1492, האָט מען דאן געוואוסט בלויז פון דריי טיילען פון דער וועלט: אייראָפּא, די מערב און דרום זייט פון אזיע, און די צפון טייל פון אמעריקא. דיזע אלע טיילען צוזאמען האָבען פּילייכט ניט געהאט קיין באפעלקערונג פון מעהר ווי צוויי הונדערט מיליאָן נפשות. היינט האָבען די פאראייניגטע שטאאטען אליין א באפעלקערונג פון מעהר ווי א העלפט פון דיזער צאָל. דער מיטעלפּונקט פון ציוויליזאציאָן איז דאן געווען אין די לענדער מערב פון רוסלאנד, און די שטעדט זיינען געווען זעהר קליינע. אין די מעהרסטע פון דיזע לענדער זיינען דאן די רעגירונגען געווען אין די הענט פון קייזאָרים, קעניגע, און פּרינצען. אין אלגעמיין האָבען די פעלקער ניט געהאט קיין האנד ניט אינ'ם מאכען די געזעצע און ניט אינ'ם אויסקלייבען די הערשער.

ווען אמעריקא איז ענטדעקט געוואָרען איז דאָס געווען זעהר שיטערלאך באזעצט פון אינדיאנער. דיזע טייל, וואָס איז דערנאָך באוואוסט געוואָרען אלס די פאראייניגטע שטאאטען איז צוערשט באזייזט און פארנומען געוואָרען פון די שפּאניער, ענגלענדער, פּראנצויזען און האָלענדער. די ענגלענדער האָבען געמאכט זייער ערשטע קאָלאָניע אין דזשיימסטאון, אין ווירדזשיניא, אין יאָר 1607. זייער צווייטע פּערמאנענטע היים האָבען די ענגלענדער געמאכט אין פּלימוטה, מעסעטשוסעטס, אין 1620, דורך די פּאָטערס פון די „פּילגרימען“, וועלכע זיינען פריהער אנטלאָפען פון ענגלאנד קיין האָלאנד אום אויסצומיידען רעליגיעזע פארפאָלגונגען. ניט זייענדיג צופרידען מיט זייער סביבה אין האָלאנד, האָבען זיי זיך ארויסגעלאָזען אויף גאָט'ס בארָאט אין א קליין שיפעל מיט'ן נאָמען „מ ע י פ ל א ו ר“ פון פּלימוטה, ענגלאנד. אין א קאלטען דעצעמבער טאָג האָבען זיי געלאנדעט אויף דעם שטיינערנעם ברעג פון ניי ענגלאנד. (די איצטיגע „ניו אינגלאנד סטייטס“ פון די פאראייניגטע שטאאטען). עס זיינען דאָרטען ניט געווען קיינע ווייסע מענשען זיי מקבל פּנים צו זיין. זיי האָבען געמוזט בויען הילצערנע באטקעס פאר זייערע פרויען און קינדער. די קומענדע יאָרען האָבען מיט זיך מיטגעבראכט א שווער לעבען פאר די ניי אָנגעקומענע. אָבער זיי האָבען די שוועריגקייטען פון לעבען אָנגענומען באהבה אבי זיי זאָלען קענען דינען זייער גאָט אזוי ווי זייער געוויסען דיקטירט זיי. זיי האָבען געגלויבט, אז גאָט פירט זיי אויפ'ן דרך הישר. דיזער טיפער גלויבען האָט זיי געמאכט שטארק גענוג אריבער צו טראָגען זייערע צרות. אמעריקא וועט שטענדיג עהרען דעם אנדענקען פון די פּילגרימען פּאָטערס,

ווייל זיי האבען געבראכט אהערצו די ליבע פאר פרייהייט; דערפאר וואס זיי האבען דא געליטען אום צו פארזעען די קערנער פון ליבע אין אמעריקא. די ליבע פון פרייהייט האט געמאכט אמעריקא גרויס און פריי.

לאמיר שטודירען די אידעע פון פרייהייט וואס די פילגרימען האבען געהאט. זיי האבען געגלויבט, אז די מענשען האבען די מאכט און דאס רעכט אליין צו מאכען די געזעצע. זיי האבען געגלויבט, אז די געזעצע זאלען געמאכט ווערען פאר'ן אלגעמיינעם וואוילזיין, לטובת הכלל. זיי האבען געגלויבט ,אז יעדער איינער דארף אויספאלגען די געזעצע, ווייל דאס פאלק אליין האט זיי געמאכט. אמת'ע פרייהייט רעספעקטירט די רעכטע פון אנדערע. די פילגרימען זיינען געקומען קיין אמעריקא צו האבען די דאזיגע פרייהייט. זיי האבען געליטען אלערליי צרות אבער זיי זיינען ניט געפארען צוריק קיין ענגלאנד, ווייל זיי האבען ניט געוואלט פארלירען די דאזיגע פרייהייט.

די ענגלענדער וואס זיינען געקומען קיין ווירדזשיניא האבען אויך געגלויבט אין זעלבסט־רעגירונג. אין יאר 1619, האבען זיי אפגעהאלטען זייער ערשטע פארטרעטענדע פארזאמלונג אין אמעריקא. יעדער ישוב אין ווירדזשיניא האט אויסגעקליבען צוויי פארטרעטער. דיזע מענער האבען געהאלטען א זיצונג אין דזשיימסטאון און געמאכט די געזעצע פאר די קאלאניסטען.

הויפטזעכליך דערפאר, וואס אירע קאלאניסטען זיינען געווען די גרעסטע צאל, האט ענגלאנד באפעלקערט די מזרח טייל פון די פאר־אייניגטע שטאאטען. ענגלאנד האט געהאט דרייצען קאלאניעס, וועלכע האבען זיך געפונען ביים אטלאנטישען ברעג. דיזע קאלאניען זיינען געוואקסען און זיך געפרוכפערט און געמעהרט פאר הונדערט און פופציג יאר צייט. דאן דערפאר וואס זיי האבען ניט געהאט קיין פארטרע־טער אין דעם ענגלישען פארלאמענט, וועלכער האט געמאכט די געזעצע פאר די קאלאניען, און דערפאר וואס קעניג געארג דער דריטער האט מיסברויכט זיין מאכט און געהערשט איבער אמעריקא אזוי ווי איבער ענגלאנד ווי אן אוטאקראט, א „סאמאדערזשאוועץ", האבען די קאלא־ניסטען רעוואלטירט. און די מלחמה פאר דער אמעריקאנער רעוואלוציאן האט זיך אנגעפאנגען אין יאר 1775. זיבען לאנגע און ביטערע יארען האבען די קאלאניסטען געקעמפט אונטער דער פירערשאפט פון דעם גרויסען און נאבעלען דזשארדזש וואשינגטאן, „דער פאטער פון זיין לאנד". צו הילפע איז געקומען לאפאיעט און ראשעמבאו, די צוויי פראנצויזען, מיט פילע סאלדאטען און א פראנצויזישע פלאטע, באראן שטובען, א דייטש, און קאסשיושקא, א פאליאק. נאך דעם ווי די מלחמה איז אנגעגאנגען א יאר צייט, האבען די קאלאניסטען זיך ערקלערט פאר פריי און אומאפהענגיג פון ענגלאנד. דאס האט פאסירט דעם 4־טען יולי,

1776, א טאָג וועלכער ווערט געפייערט אלס דער נאציאָנאלער געבורטס־טאָג זייט דאַן עד היום הזה.

דער דאָקומענט וואָס ענטהאלט די פרייהייטס ערקלערונג הייסט די „דעקלערייש׳אָן אָוו אינדעפּענדענס״. דיזע פרייהייטס ערקלערונג, וועלכע עקזיסטירט נאָך איצטער ווערט שטאַרק אָפּגעהיט אין וואשינגטאָן, ד. ק., זאָגט, אז אלע מענשען זיינען באשאפען געוואָרען מיט געוויסע רעכטע וואָס קיינער קאָן ביי זיי ניט צונעמען; אז צווישען דיזע רעכטע זיינען די רעכטע צו לעבען, צו פרייהייט און צו זוכען גליק, און אז „אום צו עררייכען דיזע רעכטע ווערען רעגירונגען איינגעשטעלט צווישען מענשען, קריגענדיג זייער רעכט צו הערשען בלויז מיט דער צושטימונג פון די באהערשטע״.

פרייהייט איז ענדליך געוואונען געוואָרען פון ענגלאנד און פרידען איז איינגעשטעלט געוואָרען אין יאָר 1783, און אין יאָר 1788 איז וואשינגטאָן ערוועהלט געוואָרען אלס ערשטער פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען. אין יאָר 1787 האָט דיזע נאציאָן באשטעהענד דאַן פון דרייצעהן באזונדערע קאָלאָניעס, פאָרמירט „א מעהר פאָלקאָמענע פאראייניגונג״ אונטער דער קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען, וועלכע איז געשריבען געוואָרען פון פארטרעטער פון די פארשידענע שטאאטען, און וועלכע איז ענדליך אָנגענומען געוואָרען פון זיי אלע.

## די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען — פעדעראלע רעגירונג

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה האָבען די דרייצען באזונדערע און זעלבסט־הערשענדע קאָלאָניעס זיך פארבונדען צוזאמען מיט א מין סאָרט פּראָטאָקאָל וואָס זיי האָבען אָנגערופען „אַר־טיקלען פון קאָנפעדעראציאָן״. דיזע ארטיקלען זיינען גאָר אין גיכען אויסגעפונען געוואָרען צו זיין ניט אין גאנצען צופרידענשטעלענד און „אום צו פאָרמירען א מעהר פאָלקאָמענע פאראייניגונג, עטאבלירען גערעכטיגקייט, פארזיכערען פרידען אין דער היים, זאָרגען פאר דער אלגעמיינער באשיצונג, פארבעסערען דעם אלגעמיינעם וואוילזיין און פארזיכערען די ברכות פון פרייהייט״ האָבען די איינוואוינער פון די פאראייניגטע שטאאטען געגרינדעט א נאציאָן דורך דעם אָננעמען די קאָנסטיטוציאָן. אין דיזען קאָנסטיטוציאָן האָבען די באזונדערע שטאאטען איבערגעגעבען צו דער רעגירונג פון דער גאנצער מלוכה געוויסע רעכטע אלס באזונדערע הערשאפטען.

דיזע קאָנסטיטוציאָן איז דער הויפּט געזעץ פון׳ם לאנד, צו וועלכען אלע אנדערע געזעצע זיינען אונטערוואָרפען. עס גיט צו דער פעדעראלער רעגירונג, (דאָס הייסט די רעגירונג פון גאנצען לאנד) דאָס אויסשליס־

ליכע רעכט צו פארהאנדלען מיט אנדערע רעגירונגען, דאָס רעכט צו ערקלערען מלחמה אָדער שליסען פרידען. און די פולע מאַכט איבער דער ארמעע און דער פלאָטע. עס גיט דאָס רעכט דער פעדעראלער רעגירונג ארויפצולעגען און אויפמאָנען שטייערען און טאַקסעס און צו וואָרגען פאר דער אלגעמיינער פארטיידיגונג פון לאנד. עס רעגולירט דעם האַנדעל צווישען די באזונדערע שטאאטען און מיט פרעמדע לענדער. עס מאַכט געזעצע בנוגע אימיגראציאָן און בירגערשאפט. עס קאָנטראָלירט די פּאָטשט, מאַכט געלט־מטבעות, דרוקט פּאַפּיר געלט, און באשטראָפט פאר'ן מאַכען פאַלשע געלטער. עס גיט ארויס רעכטע אויף נייע ענטדעקונגען אָדער פארפאסונגען, און באַשטימט סטאנדארדס פאר וואָגען און מאָסען. דיזע זיינען איייניגע פון די רעכטע וואָס די באזונדערע שטאאטען האָבען פון זיך אליין אוועקגעגעבען צו דער פעדעראלער רעגירונג, די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען. אויסער דיזען היט די קאָנסטיטוציאָן די פּערזענליכע רעכט פון יחידים — זייער רעכט צו לעבען, פרייהייט און פּריוואטעס אייגענטום; זייער רעכט צו רעדע־פרייהייט און פרייהייט פון פארזאמלונג. קיין שום געזעץ קאָן ניט פארפאסט ווערען ביי די פאראייניגטע שטאאטען, אָדער ביי קיין איינצעלנעם שטאאט, וואָס זאָל דיזע רעכטע אוועקנעמען ביי אימיצען. אויף דיזען אָרט איז די קאָנסטיטוציאָן דער שומר פון אייער זיכערהייט און גליק.

די מאַכט פון דער פעדעראלער רעגירונג איז ווי די מאַכט פון יעדען באַזונדערען שטאאט, צוטיילט אין דריי טיילען: — לעגיסלאטיווע, עקזעקוטיווע, און דזשודישיאל.

1) די לעגיסלאטיווע אפּטיילונג ווערט אָנגערופען דער קאָנגרעס, און מאַכט אלע געזעצע פון לאנד. דער קאָנגרעס אליין איז צוטיילט אויף צוויי הייזער: דער סענאט, אָדער דאָס העכערע הויז פון קאָנגרעס, און דאָס רעפּרעזענטאנטען הויז, אָדער דאָס נידעריגערע הויז פון קאָנגרעס. צוויי סענאַטאָרען ווערען געשיקט פון יעדען שטאאט און ווערען אויס־געקליבען אויף זעקס יאָר צייט. קאָנגרעסלייטע ווערען שוין אויסגיקלי־בען פון קלענערע פּלעצער לויט דער צאָל פון באפעלקערונג, און בלייבען אין אַמט בלויז צוויי יאָר צייט.

2) דער הויפּט עקזעקוטיוו, דאָס הייסט דורכפירער פון די געזעצע, איז דער פּרעזידענט פון לאנד. ער ווערט אויסגעקליבען אלע פיר יאָר, פון וועהלער (עלעקטאָרס), וועלכע ווערען אויסגעקליבען פון פאָלק. עס איז זיין פליכט צו זעהן, אז די געזעצע פון לאנד זאָלען ווערען ריכטיג דורכגעפירט. ער שטעלט אָן צען מיטגלידער פון זיין קאבינעט. די קאבינעט מיטגלידער, אָדער ווי מען רופט זיי אין אנדערע לענדער: מיניסטאָרען, נעמען איבער די פירונגען פון פארשידענע אפּטיילונגען אָדער דעפּארטאמענטען פון דער רעגירונג און זעהן, אז די ארבייט זאָל

ריכטיג דורכגעפירט ווערען. דיזע דעפּארטאמענטען זיינען: „דעפּארט־מענט אָוו סטייט“, דאָס איז דער דעפּארטמענט פון אויסערליכע אנגעלעגענהייטען; טרעזשורי דעפּארטמענט, דאָס איז די פינאנץ אפּ־טיילונג; קריגס דעפּארטמענט, דער דעפּארטמענט וואָס פּארוואלטעט די גאנצע ארמעע, קרעפּאָסטען, אמוניציאָן און אלע אנדערע זאכען וואָס האָבען א שייכות מיט מלחמה; יוסטיץ דעפּארטמענט, דאָס איז די געזעצליכע אפּטיילונג; די פּאָטשט אפּטיילונג; די פלאָטען אפּטיילונג; דער דעפּארטמענט פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען; דעפּארטמענט פון אגריקולטור; דעפּארטמענט פון האנדעל און דעפּארטמענט פון ארבייט. דער פּרעזידענט רעקאָמענדירט צום קאָנגרעס געוויסע געזעצע און האָט דאָס רעכט אונטערצושרייבען אָדער צוריקוויייזען געזעצע וואָס דער קאָנגרעס נעמט אָן. דער פּרעזידענט אונטערהאנדעלט אפּמאכונגען מיט אנדערע לענדער, אָבער דיזע מוזען קריגען די הסכמה פון דעם סענאט.

3) די יורידישע מאכט פון די פאראייניגטע שטאאטען ליגט אין איין הויפּט געריכט, אָדער ווי מען רופט עס ביי אונז „סופרים קאורט“, און דריי רייהעס פון נידעריגערע געריכטען. דער סופרים קאורט היט די קאָנסטיטוציאָן ביי זיינע ענטשיידונגען איבער געזעצע וואָס ווערען אָנגענומען ביים קאָנגרעס אָדער ביי אירגענד וועלכען שטאאט צו זיי זיינען ניט געגען דער קאָנסטיטוציאָן, אָדער געגען עפּעס א פּונקט פון דער קאָנסטיטוציאָן. אין דעם זעלביגען וועג פּאסט ער אויך אויף אויף די אָפּמאכונגען פון אונזער לאנד מיט אנדערע לענדער.

## שטאאט רעגירונגען

ווען די דרייצען קאָלאָניעס האָבען ערקלערט זייער אומאפּהענגיגקייט פון ענגלאנד, אין יאָר 1776, זיינען זיי געוואָרען אומאפּהענגיגע שטאאטען, דאָס הייסט יעדער שטאאט איז זיך געווען בעל הבית פאר זיך. ווערענד אייניגע שטאאטען האָבען פאר א לענגערער צייט אָנגע־האַלטען זייערע רעגירונגען אונטער דעם ענגלישען טשארטער (א רעכטס פּאפּיר, א פּאטענט). האָבען אנדערע שטאאטען פאָרמירט רעגירונגען אונטער קאָנסטיטוציאָנען וואָס דאָס פאָלק האָט אליין אָנגענומען. אלע דיזע שטאאטען, אויך די וואָס זיינען שפּעטער אריינגענומען געוואָרען אינ׳ם בונד, האָבען קאָנסטיטוציאָנען וואָס זייערע באפעלקערונגען האָבען אָנגענומען, און וועלכע צוטיילען אויך זייערע שטאאטס רעגי־רונגען אין דריי אפּטיילונגען: לעגיסלאַטיווע, עקזעקוטיווע, און דזשודישיאל.

די שאאטס לעגיסלאטורען מאכען די שטאאטס געזעצע. יעדער לע־גיסלאטור איז צוטיילט אויף צוויי טיילען, וועלכע ווערען געוועגליך אָנגערופען סענאט און אסעמבלי. די מיטגלידער פון דיזע געזעצגעבענדע

קערפערשאפטען ווערען אויסגעקליבען פון פאלק דירעקט. און די צייט אויף וועלכער זיי ווערען אויסגעקליבען איז פארשידען. די עקזעקוטיווע אפטיילונג זעהט, אז די געזעצע וואס ווערען אנגענומען פון לעגיסלאטור, זאלען ארייגעטראגען ווערען אין קראפט, זיי זאלען אויסגעפאלגט ווערען. דער הויפט עקזעקוטיוו פון שטאאט, דער גאווערנאר, אדער גובערנאטאר, ווערט אויסגעקליבען פון פאלק פאר טערמינען וואס זיינען פארשידען, פון איין ביז פיר יאר. ער האט אונטער זיך פארשידענע אפטיילונגען וואס היטען די געזעצע אויף באזונדערע געביטען.

די דזשודישיאל (גערעכטיגקייטס) אפטיילונג פון דעם שטאאט באַשטעהט פון שטאאטס געריכטען, וועלכע אורטיילען איבער אלעס וואס קומט פאר זיי. דיזע געריכטען זיינען פארשידענע אין זייערע נעמען לויט די משפטים וואס קומט פאר פאר זיי. עס זיינען פאראנען געריכטען אין שטאאטען וואס האנדלען נאר מיט קרימינאלע פארברעכען און אנדערע וואס האבען צו טאן מיט ציווילע. עס זיינען אויך פאראנען העכערע געריכטען צו וועלכע מענשען קענען אפעלירען.

אום צו געבען די איינוואוינער א מעגליכקייט זיך אליין צו רעגירען אין לאקאלע פראגען, דאס הייסט אום צו געבען דעם עולם וואס א גרע־סערע מאס פון לאקאלע אויטאנאמיע, ווערט דער שטאאט אליין אויך צוטיילט אויף קלענערע אפטיילונגען אדער דיוויזיאנען:

די בירגער פון די „קאונטיעס" (קרייזען, אדער איעזדען) ערוועהלען זייערע אייגענע באאמטע צו פארוואלטען די געשעפטען פון דער קאונטי. עס זיינען פאראנען איבער 3,000 קאונטיס אין די פאראייניגטע שטאאטען. זיי זיינען פארשידען אין שטח. בריסטאל קאונטי האלט 25 קוואדראטנע מייל און קאסטער קאונטי, מאנטאנא, פארנעמט א שטח פון 20,175 קוואדראטנע מייל. די קאונטי בויט און האלט אן דאס פארריכטען פון בריקען און קהל'שע וועגען. עס האלט אויף דער קאונטי'ס הויז פאר ארימע לייט. די קאונטי האלט אויף דעם פרידען און ארדנונג און ארעסטירט און באשטראפט פארפארברעכענס, אזוי ווי דער סטייט. אייניגע קאונטיס טוען אויך אנדערע זאכען. די רעגירונגען פון די קאונ־טיעס שפילען איבערהויפט א גרויסע ראלע אין דער סאוטה און אין דער וועסט.

די רעגירונגען פון שטעדט און שטעדלאך זיינען אנדערע פארמען פון לאקאלע רעגירונגען. אין ניו ענגלאנד איז שטאדטישע פארוואלטונג ענטוויקעלט געווארען פון די סאמע ערשטע קאלאניסטען. זיי האבען געוואוינט אין קליינע, געדיכטע ישוב'ן. בירגער וואס שטימען אין שטאדטישע וואלען פארוואלטען די שטאדטישע געשעפטען. זיי פאר־וואלטען די שולען, די געזונטהייטס דעפארטאמענטען, די אפטיילונג וואס פאסט אויף אויף די גאסען, און דאס אויפהאלטען דעם פרידען. זיי קלייבען אויס די מענשען וואס זיי ווילען צו פארטרעטען זיי אין דער

געזעצגעבענדער קערפערשאפט פון סטייט (אסעמבלי). יעדער מאַן אָדער פרוי זאָל זיין שטאָלץ מיט דעם באוואוסטזיין, אז ער אָדער זי האָט א חלק אין דער רעגירונג פון זיין געזעלשאפט. יעדער איינציגער זאָל זעהן זיך מאכען פאסענד צו נעמען אן עהרליכען אקטיווען אנטייל אין דער פארוואלטונג פון זיין שטאָדט אָדער שטעדטעל.

## די אימיגראציאָנס געזעצע

די פאראייניגטע שטאאטען האָבען אויסגעשטרעקט א ווילקאָמענע האַנט צו די אייראָפּעאישע ראסען, אָבער ניט צו אלע מענשען פון דיזע ראסען. עס איז די פליכט פון א רעגירונג, אז עס זאָל זיך אליין אָפּהיטען און זאָל פארהיטען זיין פאָרמע פון רעגירונג. די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען איז געגרינדעט און אויפגעבויט געוואָרען ביי די וואָס האָבען געקעמפט פאר דעם. די געזעצע זיינען געמאַכט געוואָרען פון פארטרעטער וואָס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פון די בירגער. עס זיינען דארום ניט ווילקאָמען דיזע לייטע, וואָס ווילען דיזען סאָרט רעגירונג אומוואַרפען און פאַרניכטען די פרייהייטען, צופרידענהייטען און וואוילזיין וואָס דיזע רעגירונג זוכט צו פארזיכערען יעדען.

די פאראייניגטע שטאאטען און יעדער באזונדער שטאאט, האָבען געזעצע וואָס זוכען צו באַשטראָפען די וואָס ווילען שטירצען די רעגירונג און פאַרניכטען דעם פרידען און פרייהייט וואָס איז דאָ איינגעפירט געוואָרען פאר די וואָס וואוינען דאָ. די אימיגראציאָנס געזעצען באַשטימען, אז מען זאָל ניט אריינלאָזען, און אויב מען איז שוין אריין אין לאַנד זאָל מען קענען ארויסשיקען צו יעדער צייט, —

„אַנאַרכיסטען, אָדער פערזאָנען וואָס גלויבען אָדער אגיטירען דאָס אומשטירצען דורך מאַכט אָדער גוואלט די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען, אָדער פון אלע פאָרמען פון געזעץ, אָדער וועלכע גלויבען ניט אין אָדער זיינען געגען אָרגאַניזירטער רעגירונג, אָדער וועלכע פריידיגען די הינריכטונג פון אָפיציעלע מענשען, אָדער וועלכע לערנען אָדער פריידיגען די פארניכטונג פון אייגענטום; פערזאָנען וואָס זיינען מיטגלידער אָדער זיינען פארבונדען מיט אָרגאניזאציאָנען וואָס גלויבען אָדער לערנען געגנערשאַפט צו אָרגאַניזירטער רעגירונג, אָדער וועלכע פארטיידיגען אָדער פריידיגען די פליכט, נויטווענדיגקייט אָדער יושר'דיגקייט פאר אומגעזעצליכען טויטען פון מענשען וואָס האַלטען עמטער, סאַי איינינגע ספּעציאלע אָדער באאמטע אין אלגעמיין ,פון דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען, אָדער אירגענד וועלכער אָרגאניזירטער רעגירונג, בלויז דערפאר וואָס זיי זיינען באאמטע פון אן אָפיציעלער כאראקטער, אָדער וועלכע פארטיידיגען אָדער לערנען אומגעזעצליך צו פארניכטען אייגענטום”.

די אימיגראציאָנס געזעצע זיינען פארפאסט טיילווייז מיט דער אבזיכט צו באשיצען די צופרידענהייט און דעם וואוילזיין און דעם מאָראלען צוזאמענלעבען פון די וואָס וואוינען דאָ. זיי ווילען ניט האָבען מיט זיך די, וואָס קומען אהער פאר אונמאָראלישע צוועקען, אָדער די וואָס לעבען פון געלטער וואָס קומען פון אונמאָראלישע אויפפירונג. זיי שליסען אויס אידיאָטען, חסר דעה'ניקעס, משוגעים, פּראָפעסיאָנעלע בעטלער, באָסיאַקעס און שנאָרער. זיי שליסען אויס אלע די, וואָס ווילען העכסט ווארשיינליך מוזען געהאלטען ווערען און מפרנס ווערען אין קהל'שע אנשטאלטען אויף די קאָסטען פון דער געזעלשאפט, אזעלכע ווי משוגעים, שכורים און די וועלכע ווילען פאלען צו לאַסט אנדערע. אום אויך צו באַשיצען דעם געזונטהייטס צושטאַנד פון דעם פּאָלק, ווערען אויך אויסגעשלאָסען מענשען וואָס האָבען טובערקולאָזישע קראנק־הייטען (טשעכאָטקע), אָדער אנדערע אנשטעקענדע קראנקהייטען. אום צו באשיצען די פאמיליען באציהונגען, ווערען אויסגעשלאָסען פּאָליגאַ־מיסטען (דאָס הייסט, אזעלכע וואָס האָבען מעהר ווי איין ווייב.), אָדער פערזאָנען וואָס פּראקטיצירען, גלויבען אָדער פארטיידיגען אָדער פּריידיגען דאָס לעבען מיט מעהר ווי איין מאַן, אָדער מעהר ווי איין ווייב, צו דער־זעלבער צייט. עס ווערען אויסגעשלאָסען פארברעכער. און אום צו באַ־שיצען די ארבייטער פון לאַנד, לאָזט מען אויך ניט אריין אזעלכע וואָס קומען אהערצו ארבייטען פאר איינעם וואָס האָט זיי שוין פון פריהער באשטעלט. (דאָס ווערט אָנגערופען „קאָנטראקט ארבייטער", דאָס הייסט, אזעלכע וואָס האָבען פון פריהער געמאַכט מיט אימיצען אַ קאָנטראקט, אז ווען זיי ווילען קומען קיין אמעריקא, זאָלען זיי ארבייטען פאר איהם . אזעלכע „„קאָנטראקט ארבייטער" לאָזט מען ניט אריין קיין אַמעריקא.)

אַלע פרעמדע וואָס ווערען אריינגעלאָזען קיין אמעריקא ווערען אזוי אריינגעלאָזען, אז זיי שטעהען אויף פּראָבע. אויב עס ציינט זיך ארויס, דאָס זיי זיינען אומגעזעצליך אריינגעקומען, קאָן מען זיי צוריק שיקען צו דעם לאַנד פון וועלכען זיי זיינען געקומען.

אַמעריקאנער בירגערשאפט איז א צו גרויסע עהרע צו ווערען אוועקגעגעבען אזוי לייכט צו יעדען איינציגען וואָס וויל אַהערצו קומען. אַמעריקא איז צופרידען אייך אריינצונעמען אין איהר לאַנד, אויב איהר זייט געזונט אין קערפּער און אין מוח; אויב איהר האָט א גוטען כאַ־ראקטער, אויב איהר זייט עהרליך, שפּאָרזאַם, און מאָראליש; אויב איהר קומט אהערצו מיט'ן געדאנק דאָ צו בלייבען און בויען דאָ אייער היים, און ווערען א בירגער פון לאַנד. עס איז אייער פליכט צו זעהן איהר זאָלט פארדינען צו ווערען אַ בירגער פון לאַנד דורך דעם, וואָס איהר וועט זיך אויסלערנען די אמעריקאנער פירונג און וועגען פון לעבען און די פולע באדייטונג צו זיין א גוטער אמעריקאנער בירגער. בירגער־

שאפט האט זיך זיינע פליכטען אזוי גוט ווי זיינע פריווילעגיען. יעדער דארף זעהן ער זאל נאכקומען אלע פליכטען אלס באלוינונג פאר די מעג־ליכקייטען וואס אמעריקא גיט אייך. אויב איר וועט דיזעס טאן, וועט איר זיין ווילקאמען און וועט ווערען רעספעקטירט.

# די אמעריקאנער פאהן, אדער פלאג

## איין פלאג, איין לאנד, איין גאט איבער אונז אלע

אלע ציוויליזירטע לענדער האבען עמבלעמען, פאהנען אדער פלאגס וואס שטעלען מיט זיך פאר זייערע לענדער. ווען מיר קוקען אויף א פלאג, טראכטען מיר וועגען דער רעגירונג פון דעם לאנד. מיר טראכטען וועגען דעם לאנד'ס געשיכטע. מיר ווייסען, אז דאס שטעלט מיט זיך פאר די פרינציפען פון יענעם לאנד. אויב די פרינציפען זיינען שעהנע פארעהרען מיר די פלאג. די פלאג פון א נאציאן שטעלט מיט זיך פאר יעדע פערזאן פון דער נאציאן וואס ליבט און ארבייט פאר דער פלאג. מיט אונזער ארבייט און מיט אונזער ליבע העלפען מיר מיט צו מאכען אונזער לאנד גרויס און גוט.

די אריגינאלע אמעריקאנער פאהן, אדער פלאג, איז אנגענומען גע־ווארען פון אמעריקאנעם „קאנטינענטאלען קאנגרעס" דעם 14־טען יוני, 1777. עס האט געהאט דרייצען ווייסע שטערען אין א בלויען פעלד כנגד די דרייצען שטאאטען וואס האבען דאמאלסט צוזאמענגעשטעלט די פאראייניגטע שטאאטען. אויך האט די פלאג פאר דערזעלביגער אורזאכע געהאט דרייצען ווייסע און רויטע פאסען. די איצטיגע אמעריקאנער פלאג האט 48 ווייסע שטערען אין דעם בלויען פעלד, צו רעפרעזענטירען די 48 סטייטס. די דרייצען רויטע און ווייסע פאסען שטעהן נאך אלץ פאר די ערשטע דרייצען סטייטס. אכט מאל איז שוין די „שטערען און פאסען" (די אמעריקאנער פלאג ווערט אפט אנגערופען „די שטערען און פאסען" אויף ענגליש „סטארס ענד סטראיפס") געפלויגען טריאומפי־רענד אין גערעכטע מלחמות — זיבען מאל געגען א פרעמדען שונא און איין מאל אין א מלחמה צווישען די אייגענע שטאאטען. אין יעדען קאמף האט זי פארטיידיגט די נאציאנאלע עהרע. היינט שוועבט דיזע פאהן איבער א גרויסארטיגער מדינה פון 3,690,320 קווואדראטנע מייל. עס באשיצט 118,000,000 מיליאנען נפשות.

די דאזיגע פאהן שטעלט מיט זיך פאר פרייהייט, גערעכטיגקייט, און גלייכהייט פון געלעגענהייטען און מעגליכקייטען פאר יעדען מאן, פרוי און קינד. זי ווערט אנגערופען „סטאר ספענגלד בענער". זי ווערט אויך אנגערופען די „סטארס ענד סטראיפס". אלס א צייכען פון פרייהייט שוועבט זי איבער יעדער קהל'שער געביידע אין לאנד.

## נעזעצע בנוגע דער פלאג

עס זיינען פאראן געזעצע וואס באשיצען די פלאג געגען אומוויסענדען און פארדארבענעם אומכבוד. די דאזיגע געזעצע באשטראפען די וואס צוקאליעטשען, טרעטען מיט די פיס, פארדארבען אדער באליידיגען די אמעריקאנער פלאג. איר זאלט קיינעם ניט ערלויבען זיך צו באנעמען גראב אדער אהן דרך ארץ מיט ווארט אדער טאט צו דער פאהן פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

אין אייניגע שטאאטען איז אויך פאראן געזעצע געגען צוטשעפען עפעס, אויפצושרייבען, אפצודרוקען אדער אויסנעהען עפעס אויף דער פלאג.

עס איז געגען געזעץ אין פילע שטעדט צו באנוצען די פלאג אויף עפעס צו אדווערטייזען, אנאנסירען אדער באקאנט צו מאכען.

עס איז געגען די געזעצע צו באנוצען די אמעריקאנער פלאג אלס א שילד (טרייד-מארק) אדער אלס א טייל פון א שילד.

די געזעצע זאגען, אז די פלאג זאל ווערען ארויסגעהאנגען פון פארענט אויף שול געביידען. די קינדערלאך וואס געהען אין שולע ווערען גע־לערענט די באריכטונג און געשיכטע פון דער פלאג. זיי ווערען געלערנט צו עהרען און אכטען און ליבען זי. אין אייניגע שטאאטען ווערט אב־געגעבען כבוד צו דער פלאג יעדען טאג.

„פאהן טאג" (פלעג דעי), יוני דעם 14-טען, ווערט געפייערט אלס מנהג אין אלע שטאאטען. עס איז געווארען א נאציאנאלער יום טוב. פאטריאטישע צערעמאניעס ווערען געהאלטען אין די שולען דעם „פאהן טאג" אום צו לערנען די שילער בנוגע דער פלאג. אין דעם טאג לערנט מען זיי פאר וואס זיי זאלען זי ליבען און פארטיידיגען געגען אלע שונאים, מיט זייערע לעבענס אויב עס איז נויטיג.

אמעריקא איז באזעצט געווארען פון מענשען וואס האבען ליב פרייהייט. אמעריקא ערווארטעט פון די וואס קומען אהערצו צו ליבען און צו פארעהרען און פארטיידיגען די פלאג וואס באשיצט זיי. עס איז דער עמבלעם פון א פרייען פאלק.

## רעגולאציאנען ווי צו באנוצען די אמעריקאנער פלאג — ווי צו רעספעקטירען זי — ווי צו ארויסשטעלען זי.

(באזירט אויף די פלאג געזעצע אגענומען ביי דער פלאג
קאנווענציאן, יוני 14, 1923)

די אמעריקאנער פלאג איז דער סימבאל פון אונזער לאנד. זי דארף ווערען רעספעקטירט פון יעדער מאן, פרוי און קינד, סאי אמעריקאנער אדער פרעמדע. מענער זיינען געשטארבען פאר איר; פרויען האבען

מקריב געווען אלץ וואָס זיי איז ליב און טייער אום די פלאג זאָל פלאַטערען איבער א פרייען פאָלק.

1. ווען זי ווערט נישט באנוצט, זאָל די פלאג זיין נעט פארוויקעלט. זי זאָל אוועקגעשטעלט ווערען אין א זיכערען פלאץ וואו קיין זאך וועט ניט געוואָרפען ווערען אויף איהר און זי וועט ניט פארשמירט ווערען. מ'זאָל זי קיינמאָל נישט באהאנדלען אומפאָרזיכטיג. מ'זאָל זי ניט לאָזען זיך וואלגערען אויבען אויף. ווען מ'טראָגט די פלאג אָדער מ'ציהט זי ארויף, טאָר מען ניט דערלאָזען זי זאָל אָנרירען די ערד, אָדער די פאָדלאָגע, אָדער די דעק. זי טאָר ניט ווערען געלאָזען זיך נאָכשלעפען אין וואסער. זי טאָר ניט ווערען ארויפגעצויגען אָדער ארונטערגעלאָזען דורך אירגענד וועלכער מעכאנישער מאַכענאַציע, נאָר מיט די הענט.

2. די פלאג מעג ווערען ארויסגעשטעלט בלויז פון זון אויפגאנג ביז זון אונטערגאנג. זי זאָל ווערען ארויסגעשטעלט אין אלע נאַציאָנאַלע אָדער שטאאטס יום טובים, און אלע היסטאָרישע אָדער ספּעציאלע געשעהענישען. זי זאָל אלע מאָל ארויסגעשטעלט ווערען אין לינקאָלנ'ס געבורטסטאָג, פעברואר 12־טען; וואשינגטאָנ'ס געבורטס טאָג, פעברואר 22־טען; מעמאָריאל דעי( אנדענקונגס טאָג) מאי 30־טען; פלאָג טאָג, יוני 14־טען; באפרייאונגס טאָג, יולי 4־טען; קאָנסטיטוציאָנס טאָג, סעפּטעמבער 17־טען; און ענטוואפנונגס טאָג, נאָוועמבער 11־טען.

3. ווען די פאָהן ווערט ארויסגעהאָנגען אויף א שטעקען אָדער מאסט, זאָל זי ווערען ארויפגעצויגען ביז גאָר אויבען, און דאָס בלויע פעלד מיט די ווייסע שטערען זאָל זיין פון אויבען. עס איז א צייכען פון קהל'שען טרויער ווען די פלאג איז בלויז אויף האלבען מאסט; עס איז א צייכען פון גרויסען אומגליק ווען די פלאג איז איבערגעקערט. קלובען אָדער חברות מעגען ארויסהענגען די פלאג אויף האלב מאסט אום אויסצודריקען טרויער ווען זייערער א מיטגליד שטאַרבט.

4. אין שטעלען די פלאג אויף האלבען מאסט, אָדער האלבען שטעקען, זאָל זי אלעמאָל ווערען ארויפגעצויגען ביז דעם סאַמען אויבען אָדער שפּיץ, און דערנאָך ארונטערגעלאָזט ביז א העלפט פון דעם שטאַנג. פּונקט אזוי ווען מ'וויל די פלאַג איינגאַנצען ארונטערלאָזען פון א האלבען שטאנג, דארף מען זי פריהער ארויף ציהען ביז דעם סאמע שפּיץ און דערנאָך אין גאנצען ארונטערלאָזען. אין „מעמאָריאל דעי“, דעם 30טען מאי, זאָל די פלאג זיין אויף האלבען מאסט דעם ערשטען האלבען טאג און אויף דעם גאנצען מאַסט דעם אנדערען האלבען טאג.

5. ווען די אמעריקאנער פאָהן ווערט געטראָגען אין פאראד אָדער פּראָצעסיע צוזאמען מיט אן אנדער פאָהן אָדער פאָהנען, זאָל די פלאג פון די פאראייניגטע שטאַאטען פארנעהמען דעם עהרען פלאץ אין דער רעכטער זייט פון פאראד. „די רעכטע זייט“ איז דער ברעג פון פאראד צו דער רעכטער האנט ווי מען געהט פאָרווערטס. אויב עס איז דאָ א

גאַנצע רייהע פון אנדערע פאָהנען, מעג די אמעריקאנער פאָהן זיין אין דערמיט פון דער ערשטער רייהע.

6. ווען די פלאַג ווערט אַרויסגעשטעלט צוזאמען מיט אנדערע אויף איבערגעלעגטע שטאַנגען, זאָל די פלאַג פון די פאראייניגטע שטאַטען זיין רעכטס פון זיך אליין, צו דער לינקער האַנד פון דעם באָבאַכטער. דער שטאַנג פון דער אמעריקאנער פאָהן זאָל זיין איבער דער אַנדערער אָדער אנדערע פאָהנען.

7. ווען א סך פארשידענע פאָהנען ווערען אַרויסגעשטעלט אין א גרופע, זאָל די פלאַג פון די פאראייניגטע שטאַטען זיין אין דערמיט און ארויסגעשטעלט העכער פון אלע אנדערע. ווען פארשידענע פלאַגס ווערען אויסגעשטעלט אין א רייהע וואָס מ'קען נאָר זעהן פון פאָרענט, זאָל די אַמעריקאנער פלאַג זיין אין דער רעכטער האַנד פון דער רייהע, פונקט אזוי ווי אין אַ פאַראַד.

8. ווען פאָהנען פון שטאַטען, שטעדט, קלובען אָדער אָרגאַניזאַציעס פלאַטערען פון דעם זעלבען מאַסט אָדער שטאַנג מיט דער פלאַג פון די פאראייניגטע שטאַטען, זאָל די פלאַג פון לאַנד זיין כסדר אויף דעם סאַמע אויבען. קיין אויפשריפט, אָדער פלאַקארד, אָדער סטענגע, זאָל זיין העכער פון דער אַמעריקאנער פלאַג, די איינציגע אויסנאַמע איז דאָס פענדעל פון קירכע. דאָס פענדעל פון קירכע מעג פליהען העכער פון דער אמעריקאַנער פאָהן בשעת רעליגיעזע צערעמאָניען אין מיליטערישע בתי מדרשים אָדער אויף אַ שיף פון אונזער פלאָטע.

9. ווען פאָהנען פון צוויי אָדער מעהרער נאציאָנען ווערען אויסגעשטעלט, זאָלען זיי זיין אויף באַזונדערע שטאַנגען פון דער זעלביגער הויך. די פאָהנען זאָלען אויך זיין פון דערזעלביגער גרויס. די פאָהן פון איין נאַציאָן זאָל ניט פלאטערען איבער דער פאָהן פון אַן אנדער נאַציאָן אין פרידענסצייט.

10. די פאָהן פון די פאראייניגטע שטאַטען זאָל פלאַטערען פון א שטאַנג וואו און ווען עס איז נאָר מעגלאַך, נאָר אויב דאָס איז אונמעגלאַך, מוז די פלאַג הענגען גלאַט און פלאַך, צו אינוויינינג אָדער אין דרויסען. זי מעג הייגגען מיט די שטרייפען פון אויבען אראָפ, אזוי ווי אַ באַנער, אָדער מיט די פאַסען אין דער ברייט, אזוי ווי א פלאַג וואָס פלאַטערט פון אַ שטאַנג. די פלאַג פון די פאראייניגטע שטאַטען טאָר קיינמאָל ניט ווערען פארדרעהט אָדער פארפלאָכטען אין ציאַצקעדע פאָרמען. זי טאָר קיינמאָל ניט פארדרעהט ווערען בוקעטען-מעסיג. זי טאָר קיינמאָל ניט באַנוצט ווערען אלס באַפוצונג. ווען עס איז ווינשענסווערטה צו מאַכען באַפוצונג פון פארשיידענע פאָרמען, דרעהדלאך און שלייפען, באַנוצט רויט־און בלויע מאטעריאַלען דאָס צו טאָן, אָבער ק י י ן מ אָ ל

ד י פ ל אַ ג. די בלוי־שטרייפען פון דעם מאַטעריאַל זאָל זיין פון אויבען.

11. ווען די פאָהן ווערט געפלאַטערט אין דערמיט פון א גאַס, זאָל זי ווערען געהאנגען ווי א באנער, מיט די פאַסען פון אויבען ארוינטער. די בלויע פעלד מיט די ווייסע שטערען זאָל ווערען געהאנגען צו דער נאָרטה זייט פון דער גאַס, ווען די גאַס אליין לויפט פון איסט צו וועסט, און צו דער איסט זייט, ווען די גאַס לויפט נאָרטה און סאוטה. (איסט — מזרח, וועסט — מעריב, נאָרטה — צפון, און סאוטה — דרום.)

12. די פלאַג פון די פאראייניגטע שטאאטען זאָל קיינמאָל ניט ווערען אויסגעשטעלט ליגענדיג פלאך אויף דער ערד.

13. ווען די פלאַג ווערט אויסגעשטעלט אויף א רעדנער'ס פלאַט־פאָרמע אָהן א שטאַנג, זאָל די פלאַג ווערען געהאנגען פלאך אויף דער וואַנט איבער אָדער הינטער דעם רעדנער. זי זאָל קיינמאָל ניט באנוצט ווערען צו באדעקען דעם רעדנער'ס טישעל. זי זאָל אויך ניט באנוצט ווערען צו באפוצען די פלאַטפאָרמע. אויב די פלאַג איז אויף א שטאַנג, זאָל זי פלאַטערען פון דער רעכטער האנד פון רעדנער ווען ער שטעהט מיט'ן פנים צום עולם.

14. ווען די פלאַג ווערט אויסגעשטעלט אין דער געביידע פון א קירכע, זאָל זי זיין אויף א שטאַנג ארויסגעשטעקט פון דער וואַנט, צו דער רעכטער האנד פון דעם עולם ווען זיי זיצען מיט'ן פנים צום פריי־דיגער. אנדערע פלאַגס זאָלען פליהען פון דער לינקער וואַנט. ווען די פלאַג געפינט זיך אויף'ן באַלעמער, אָדער פולפיט פון דער שוהל אָדער קירכע, זאָל די פלאַג זיך געפינען אין דער רעכטער האנד פון פריידיגער ווען ער שטעהט מיט'ן פנים צום עולם, אזוי ביי אלע אנדערע רעדנער.

15. ווען די פלאַג פלאַטערט איבער א געביידע צוזאמען מיט אן אנדער פלאַג, זאָל זי זיין אויף דער רעכטער זייט פון דער געביידע. די רעכטע זייט פון א געביידע איז צו דער רעכטער האנד פון א פערזאָן וואָס געהט ארויס דורך דער פאָדערשטער טיר פון א געביידע.

16. ווען באנוצט ביים אויפדעקען א סטאַטוע אָדער מאָנומענט, זאָל די פלאַג ניט דערלאָזען ווערען צו באריהרען די ערד. זי זאָל געהאַל־טען ווערען אין דער הויך צו פליהען פריי וועהרענד עס ווערט געפראַוועט די צערעמאָניע.

17. ווען די פלאַג ווערט באנוצט צו באדעקען אן ארון, דאַרף זי געלעגט ווערען מיט'ן בלויען פעלד און ווייסע שטערען צום קאָפ פון מת און איבער זיין לינקען שולטער. די פלאַג טאָר ניט ארונטערגעלאָזען ווערען אין קבר אריין. זי טאָר אויך ניט דערלאָזען ווערען אָנצורירען די ערד.

18. די פלאַג טאָר קיינמאָל ניט באנוצט ווערען אלס א טישטוך

אָדער צודעק צו א טיש, שטול, קאסטען, באַלעמער, אָדער רעדנער'ס טישעל. עס טאָר ניט באנוצט ווערען אַלס א דעקע צו א סטעליע. עס טאָר ניט געלעגט ווערען אויף אירגענד וועלכען פּלאַץ, וואו עפּעס קען געלעגט ווערען אויף דעם. די פלאַג טאָר ניט געלעגט ווערען אויף קיין פלאַץ וואו אימיצער קען זיך שטעלען אָדער זעצען אויף איר. קיינמאָל זאָלט איר די פלאַג ניט לאָזען אויף א פלאַץ נידעריגער פון דעם פלאַץ וואו אימיצער קען שטעהן אָדער זיצען. קיין שום זאך אויסער דעם ביבעל, אָדער די בלומען פאר אן ארון, קען געלעגט ווערען אויף דער פאָהן פון די פאראייניגטע שטאאטען.

**19. די פלאַג טאָר ניט באנוצט ווערען צו אדוועטייזען אָדער אַנאָנסירען אירגענד וועלכע זאַך.**

זי טאָר ניט איבערגעמאכט ווערען אין שפּילצייג, אין פּאָכערס, אין זונען־שירעמס, אין קישעלאך, אין וויגעלאך אָדער אין ציכעלאך פון איר־געגנד וועלכען סאָרט. עס טאָר ניט ווערען אויסגעשטריקט אויף קישעלאך, אויף ציכעלאך, זי טאָר ניט געדרוקט ווערען אויף פּאפּירענע סערוועטקעס אָדער טיכלאך אָדער קעסטעלאך.

20. בויגט ניט אָן די פלאַג פון די פאראייניגטע שטאאטען צו אירגענד וועלכער פערזאָן אָדער געגענשטאנד.

21. לעגט ניט קיין שום זאך אָדער צייכען פון וועלכען סאָרט אויף דער פלאַג, אָדער העכער פון דער פלאַג פון די פאראייניגטע שטאאטען.

22. איר זאָלט ניט צו־נאָגלען די פלאַג אזוי, אז זי זאָל זיך צורייסען.

23. בינדט ניט ארום די פלאַג ארום דער בויד אָדער זייטען פון א וואָגען, אָדער אן אָטאָמאָביל, אָדער אן אייזענבאהן, אָדער א שיף. ווען א פלאַג ווערט ארויסגעשטעלט אויף אן אָטאָמאָביל זאָל דער שטאנג ווערען גוט צוגעפעסטיגט צו דעם ראדיעטאָר, אָדער צו דעם ווינד־שיעלד.

24. אויף א פלאַאט אין א פאראד, זאָל קיין פלאַג נישט ווערען אנדערש צוגעפעסטיגט ווי נאָר אויף א שטאנג.

25. איר זאָלט ניט באנוצען די פלאַג אלס טייל פון קליידונג אָדער אטלעטישע קאָסטיומען.

26. איר זאָלט קיינע בוכשטאבען ניט ארויפשטעלען אויף דער פלאַג.

27. אלטע אָדער צוריסענע פלאַגס זאָלען צוריקגעצויגען ווערען פון נוצען און זאָלען בכבוד פארברענט ווערען פ ר י ו ו א ט.

## סאלוטירען די פאָהן.

די פאָהן פון די פאראייניגטע שטאאטען זאָל ווערען סאלוטירט (באַגריסט, אָדער אָבגעגעבען כבוד) פון אלע אנוועזענדע ווען זי ווערט ארויפגעצויגען אָדער ארונטערגעלאָזען. זי זאָל ווערען סאלוטירט, ווען זי ווערט

פארבייגעטראָגען אין א פאראד. אויב איר געהט אָדער ארבייט דא־מאָלסט, ב ל י י ב ט ש ט ע ה ן ; אויב איר זיצט דאמאָלסט, ש ט ע ל ט ז י ך א ו י ף, שטעהט גלייך, אויסגעצויגען, די אָבזאצען צוזאמענגעבראכט, דער לינקער ארם הענגענדיג ביי דער זייט און די רעכטע האנד אין סאלוטע (פאָד קאָזיראָק). מענער און אינגלאך אין יוניפאָרמעס זאָלען געבען דעם מיליטערישען סאלוט. מענער און אינגלאך אין ציווילע קליידער זאָלען ארונטערנעמען די היטלען מיט דער רעכטער האנד און זי האלטען איבער די לינקע שולטערן. פרויען און מיידלאך זאָלען אויך סאלוטירען די פלאַג מיט דעם וואָס זיי וועלען בלייבען שטעהן גלייך אויסגעצויגען; זיי זאָלען באגריסען די פלאג מיט דעם וואָס זיי וועלען ארויפלעגען די רעכטע האנד אויפ'ן הארצען. די סאלוטאציע צו דער פלאַג אין א פארבייגעהענדען קאלומן זאָל געגעבען ווערען דעם מאָמענט ווען די פלאג שוועבט פארביי.

עהנליכעס זאָל פאסירען ווען אונזער נאציאָנאלע הימנע, די „סטאר ספענגלד בענער" ווערט געשפילט. אלע וואָס הערען זאָלען זיך אויפשטעלען, שטעהן אויסגעצויגען און סאלוטירען אין דער זעלביגער פאָרמע ווי די פלאַג. זיי זאָלען סאלוטירען ביי דער ערשטער נאָטע און האלטען דיזעלביגע פאָזיציע ביז די לעצטע נאָטע פארקלינגט. מענער און אינגלאך, פרויען און מיידלאך — אלע זאָלען סאלוטירען אין דערזעלביגער פאָרמע ווי די פלאַג אליין. ווען קיין פלאג איז דערביי ניטאָ זאָלען אלע שטעהן מיט די פנים'ער צו דער מוזיק. איר זאָלט זיך קיינמאָל ניט ארומדרעהען, אָדער זיך אָנטאָן רעק אָדער היטלען בשעת מען שפיל די „סטאר ספענגלד בענער" אירגענדוואו. די „סטאר ספענגלד בענער" זאָל ניט געשפילט ווערען אין א געמישעכץ פון אנדערע מאָטיווען, אָדער אלס א מארטש.

די הימנע וואָס ווערט אָנגערופען „אמעריקא" איז אויך א נאציאָנאלע הימנע. ווען „אמעריקא" ווערט געשפילט זאָלען אלע זיך אויפשטעלען און בלייבען שטעהן די גאנצע צייט פון שפילען, אָבער די סאלוטאציע ווערט ניט געגעבען.

## די שבועה פון דער פאָהן אָדער פלאַג

די פאָלגענדע איז די אָנגענומענסטע שבועה צו דער פאָהן פון די פאראייניגטע שטאאטען:

„איך שווער טרייהייט צו דער פלאַג פון די פאראייניגטע שטאַאטען פון אמעריקא און צו דער רעפובליק וועלכע זי פאַרטרעט; איין נאַציאָן, אונצוטיילבאַר, מיט פרייהייט און גערעכטינקייט פאר אַלעמען".

די שבועה דארף ווערען נאָכגעזאָגט וואָרט פאר וואָרט, מיט דער רעכטער האנד איבער'ן הארצען. ביי די ווערטער „צו דער פלאַג" ווערט

די רעכטע האנד אויסגעצויגען מיט דער דאָלאָניע ארויפצו, צו דער פלאָג. דיזע פּאָזיציע ווערט געהאלטען ביז דאָס לעצטע וואָרט ווערט ארויסגעזאָגט. פּערזאָנען אין יוניפאָרמס זאָלען געבען די מיליטערישע סאלוטאציעס.

## זייט איהר אן ערד ארבייטער?

ערד ארבייט אין אמעריקא איז א גוטע מלאכה און איר וואָלט פון דעם געקענט מאכען א שעהן לעבען פאר זיך און פאר דער משפחה. ארבייט פאר גוטע שכירות קען געוועהנליך געפונען ווערען אין די שטעדט, אָבער דיזע ארבייט איז גאנץ אָפט לפי שעה און מענשען בלייבען דערנאָך אָהן א שטאָך ארבייט.

דאָס ארומגעהן ליידיג וועט גאנץ שנעל אויפפרעסען דאָס וואָס איר האָט אָפּגעשפּאָרט אין דער צייט וואָס איר האָט געארבייט.

אויב איר זייט אונפארהייראט און איר ארבייט ביי ערד, ווערט געוועהנליך אייער עסען און שלאָפען פארזאָרגט פון אייער בעל הבית.

אויב איר זייט א פאמיליען מאן און ארבייט פאר שכירות ביי ערד ארבייט, וועט איר אָפט פארזאָרגט ווערען מיט א באזונדערען הויז, מיט א שטיקעל ערד פאר זיך אליין, מיט א קוה און אנדערע נויטיגע זאכען פריי. אויב איר קויפט אָדער דינגט א שטיק ערד צום באארבייטען (ביי אונז רופט מען דאָס „א פארם“), וועט איר אליין פארזייען און קריגען פון דער ערד א סך פון די עסענוואַרגען וואָס איר דארפט פאר זיך אליין.

דער אימיגראנט וואָס קומט אהער מיט ווייניג געלד, וועט אין גיכען אויסגעפינען אז עס לוינט זיך בעסער פאר איהם צו געהן ארבייטען צו יענעם אויף א פארם ביז ער וועט קריגען אביסעל ערפאהרונג און וועט אָבשפּאָרען גענוג געלט צו קויפען, אָדער כאָטש צו דינגען, פאר זיך אליין א פארם. ער וועט אפשר געפינען, אז עס לוינט זיך בעסער פון אָנפאנג צו ארבייטען פאר אן אנדערען א שטיקעל צייט אפילו ווען ער האָט גענוג געלד צו קויפען גלייך א פארם, ווארום מ'דארף קריגען אביסעל ערפאהרונג אין די אמעריקאנער דרכים פון ערד ארבייט. דאָס לעבען אויף דעם לאנד איז פיל געזינטער, ווייל מען איז ניט אונטערוואָרפען די פילע קראנקהייטען פון דער שטאָט. א סך פון די אימיגראנטען וואָס זיינען אָנגעקומען קיין אמעריקא האָבען זיך גאנץ שעהן ארויפגעארבייט דורך דעם, וואָס זיי האָבען זיך גענומען צו ערד ארבייט אָדער צו גערטנער.

### הילפע צו ערד ארבייט.

יעדער שטאאט אין די פאראייניגטע שטאאטען האָט א רעגירונגס אבטיילונג פאר אגריקולטור, וועלכע מאכט אונטערזוכונגען פון די פּראַ-

בלעמען פון ערד ארבייט אין יענעם שטאאט. דיזע רעגירונגס קאָנטאָרען וועלען געבען אינפאָרמאציעס צו ערד ארבייטער און וועלען מיט אלע מעגליכע מיטלען העלפען צו קריגען אלע נויטיגע ידיעות, וועלכע זאָלען זיין א גרויסע טובה פאר די ערד ארבייטער (אין אמעריקא רופט מען זיי „פארמערס"). יעדער שטאאט האָט אויך לכל הפחות איין אגריקולטור אוניווערזיטעט, און פאר די איינוואוינער פון דעם שטאאט איז מערסטענ טייל פריי איינטריט. אלע שטאאטען האָבען אויך אין פארבינדונג מיט די אוניווערזיטעטען אזעלכע מינים פראָבע־סטאנציעס, דאָס הייסט פעלצער וואו מען פּרובירט אויס און מען אונטערזוכט וויסענשאפטליך די מעגליכקייטען און די פּראָבלעמען פון דער ערד ארבייט פון יענעם שטאאט. פילע שטאאטען האָבען אויך איינגעפירט דעם שטודיום פון ערד ארבייט אין די פאָלקס שולען.

דער אגריקולטור דעפּארטמענט פון די פאראייניגטע שטאאטען, אין וואשינגטאן, איז דער בעסטער אין דער וועלט. עס ווערען דאָרטען באשעפטיגט א גרויסע צאָל עקספּערטען און וויסענשאפטסלייטע. עס האָט פילע „פּראָבע סטאנציעס" אין פארשידענע טיילען פון לאנד און האָט פילע עקספּערטען ארבייטענדיג צוזאמען מיט די פּראָבע סטאנציעס פון די פארשידענע שטאאטען. מען מאכט עקספּערימענטען מיט די בעסטע גראדען בהמות, חיות און עופות פאר דער פארם, אונטערזוכט די קראנקהייטען פון וועלכע דיזע ליידען און ווי מען קען זיי היילען. עס שיקט ארויס פריי פארשידענע שריפטען און ביכלאך מיט אינפאָרמאציעס וועגען אלע פּרטים פון ערד ארבייט.

עס זיינען פאראנען עטליכע גרויסע נאציאָנאלע אָרגאניזאציאָנען פון ערד ארבייטער, זיי הייסען „פארמערס אָרגאניזאציאָנען". דיזע אָרגאניזאציאָנען האָבען צווייגען אין פארשידענע געגענדען און דורך לעקציעס און שריפטען זעהן אויסצובילדען זייערע מיטגלידער אין די בעסטע מעטאָדען פון ערד ארבייט און אויך ווי צו פארקויפען אם בעסטען די פּראָדוקטען פון זייער ארבייט דורך קאָאָפּעראטיווע אונטערנעמונגען, געמיינשאפטליך צו קויפען און פארקויפען. עס זיינען אויך פאראנען פילע לאָקאלע חברות פון ערד ארבייטער וואָס פארהאנדלען לאָקאלע פּראָבלעמען. עס זיינען פאראנען זעהר א סך צייטשריפטען און זשורנאלען וואָס גיבען זיך אָפּ ספּעציעל מיט אגריקולטור. די אייזענבאהנען פון לאנד האָבען אבטיילונגען פאר קאָלאָניזירונג און זיי קאָנען געבען זעהר א סך וויכטיגע ידיעות וועגען קאָלאָניזירונג לעבען זייערע אייזענבאהן ליניען.

## אגריקולטור פארמעגען.

די פאראייניגטע שטאאטען פארנעמט דעם סאמע פּרוכטבארסטען פלאץ פון צפון אמעריקא (נאָרד אמעריקא). אויסער די אינזלען און

טעריטאָריעס וואָס באלאנגען צו די פאראייניגטע שטאאטען פארנעמט די הויפטלאנד אליין א שטח פון 2,973,774 קוואדראטנע מייל׳ען. קאנאדא איז אין צפון זייט, מעקסיקא און דער מעקסיקאנישער מעער אין דרום זייט און פון ביידע זייטען די אטלאנטישע און פאסיפישע אָקעאנען.

איבער די הויכע בערג־רייהען און די גרויסקייט פון דעם לאנד איז דער קלימאט א פארשידענארטיגער. די פארשידענארטיגקייט פון דער ערד, דער גרויסער אונטערשיד פון טעמפעראטור, און דער אונטערשיד אין רעגען מאכט עס מעגליך אין פארשידענע טייל׳ען פון אמעריקא צו פּראָדוצירען אלע קאָמערציעלע פּראדוקטען פון דער וועלט. איבער דיזער גרויסער פארשידענארטיגקייט, זיינען אייניגע געגענדען בעסער פאר מילך, פּוטער און קעז; אנדערע געגענדען זיינען בעסער אויף צו ערציהען בהמות און עופות; אנדערע געגענדען זיינען פיל בעסער פאר פירות; און נאָך אנדערע פאר תבואות, אזעלכע ווי ווייץ, קאָרן, האָבער, רייז, קארטאָפּעל, צוקער, טוטין, און אזוי ווייטער.

די אפּטיילונג פאר אינפאָרמאציאָן, פון דער אימיגראציאָנס ביוראָ, פון ארבייטס דעפּארטמענט, אין וואשינגטאן, ד. ק., האָט פארפערטיגט א ביכעלע און צוטיילט דאָס אומזיסט, וואָס גיט די „קוואלען, פּראָדוקטען, און פיזישע כאראקטעריסטיקע" פון די פארשידענע שטאאטען. דיזע ביכלאך, כאָטש זיי זיינען קליינע, גיבען פילע וויכטיגע ידיעות און גיבען אָן די נעמען פון די באאמטע אין די שטאאטען מיט וועמען מען קען זיך דורכשרייבען און אויסגעפינען איינצעלהייטען.

## וועגען קויפען א פאָרם

ווען מען זאָגט אין אמעריקא „א פאָרם", מיינט דאָס ניט נאָר א שטיקעל ערד, פּונקט ווי פיר ווענט מיט א דאך הייסט נאָך ניט קיין היים. א פאָרם מיינט די אלע זיבען זאכען וואָס זיינען נויטיג פאר איינעם צו מאכען א לעבען פון דער ערד. יעדער איינער וואָס איז באשעפטיגט ביי ערד ארבייט דארף האָבען אלס זיין אמביציע צו זיין אליין אן אייגענ־טימער פון א פאָרם. פונדעסטוועגען טאָר אָבער דער פרעמדער זיך ניט שטארק איילען צו קויפען א פאָרם איידער ער ווערט כאָטש אביסעל באקאנט און קריגט ערפארונג אין אמעריקאנער פארמעריי. צום אלעם ערשטען דארף איינער ביי זיך אליין באשליסען וואָס פאר א סאָרט פאר־מעריי ער וויל טאָן: צי ער וויל וואקסען תבואה, צי פירות, צי ערציהען בהמות און עופות, צי גאָר מאכען וואקסען פארשיידענע קרייטעכער און דער גלייכען. דערנאָך דארף דער פרעמדער באשליסען ביי זיך אין וואָס פאר א געגענד פון לאנד ער וואָלט א בעל״ן געוואָן זיך צו באזעצען. אום צו קריגען נויטיגע ערפארונג זאָל ער אין יענער געגענד זיך שטעלען ארבייטען אויף א שטיקעל צייט ביי אן אנדערען. מיט דער צייט וועט

ער געפינען מעגליך צו דינגען א פארם. מעהרערע מאָל געפינט מען פארמס צו דינגען וואָס געבען אויך די פּריווילעגיע צו קויפען זיי אויב מען וועט וועלען. עס איז כדאי אין זינען צו האָבען, אז עס איז ראטזאם פאר יעדען אימיגראנט זיך צו זוכען א פארם אין א געגענד וואָס האָט א קלימאט עטוואס עהנליך צו דעם קלימאט פון דעם לאנד פון וועלכען דער אימיגראנט איז געקומען.

קויפט ניט קיין פארם איבעראיילט. קויפט ניט קיין פארם וואָס איהר האָט ניט אָנגעקוקט. זייט זיכער אין דער ווערטה פון דער ערד, וואָס פאר פּראָדוקטען און די ווערטה פון די פּראָדוקטען. פרעגט זיך נאָך ביי ערפאהרענע פארמערם מכח דער פארם וואָס איר ווילט קויפען. געפינט אויס אויב דער פריהערדיגער בעל הבית האָט אויף דיזער פארם געמאכט א שעהנעם לעבען. פארשטעהט אז די ווערט פון געלד איז אנדערש אין אמעריקא ווי אין דעם לאנד פון וועלכען איר זייט געקומען. עטליכע אקער גוטע לאנד, וועלען אייך געבען מעהר פארדינסט ווי עטליכע הונדערט אקער שלעכטע לאנד. עס איז ווינשענסווערטה, אז לעבען אייער לאנד זאָלען זיך געפינען גוטע שוהלען פאר אייערע קינדער און אז איר זאָלט זיין לעבען אָדער כאָטש נאָהענט צו גוטע וועגען, אז איר זאָלט זיין ניט צו ווייט פון אן אייזענבאן אָדער מארק, און אז די הייזער אויף אייער פארם זאָלען זיין אין א גוטען צושטאנד.

זייט זיכער וועגען די פּאפּירען וואָס איר מאכט אויס ביים קויפען די פארם, זעהט אז דער שטר מכירה זאָל זיין א ריכטיגער. באראטה זיך מיט אן עהרליכען אדוואָקאט און זעהט ער זאָל אונטערזוכען צי עס איז ניט פאראנען עפּעס אן אלטער חוב געגען אייער פארם. פארסטראָ־כירט זיך אין א גוטער פארזיכערונגס געזעלשאפט און לאָזט וויסען דעם אגענט פון דער פארזיכערונגס געזעלשאפט אויב איר מאכט עפּעס אן ענדערונג. ווערט א מיטגליד אין דער אָרגאניזאציאָן פון אייער געגענד פאר ערד ארבייטער.

די פּרייזען פון פארם לאנד איז פיל געשטיגען אין דיזען לאנד. דער דורכשניט ווערטה פון אקער־לאנד איז געשטיגען 21 פּראָצענט צייט 1919. פעטע לאנד קאָן מען נאָך אלץ קריגען גאנץ ביליג אין פילע געגענדען פון די פאראייניגטע שטאאטען. דאָס קען זיין איבער דעם, ווייל די ערד איז נאָך ניט אויסגעארבייט, אָדער ווייל עס איז ווייט פון אייזענבאהנען אָדער פון מערקע, אָדער דערפאר ווייל עס איז לאנד פון וועלכען די געהילץ איז ארונטערגענומען געוואָרען. די פּרייזען זיינען פארשידען אין פארשידענע שטאאטען און אין פארשידענע געגענדען אין דעמזעלבען שטאאט. גאנץ אָפט געפינט מען לאנד וואָס גיט ארויס א סך פּראָדוקטען מיט א גוטען מארק צו פארקויפען, פאר וועלכען מען מוז צאָהלען אזוי הויך ווי א טויזענד דאָלאר אן אקער.



„פרייהייט באלייכט די וועלט“
ביים ניו יאָרקער האפען
אַ מתנה פון דער פראנצויזישער רעגירונג צו די פאראייניגטע שטאַטען
(רעפּראָדוצירט דורך דער פריינדליכקייט פון דער קאָרקאָרען קונסט גאלערי, וואשינגטאָן, ד. ק.)




לאַנד קאַרטע פון די פּראָווינצ




יגטע שטאאטען פון אַמעריקא

# מינעראלען אייגענטהום

אונזער לאַנד האָט אין אירע גרענעצען א היבשע צאָל פון פארשידענע מעטאַלען און מינעראַלען. איינינע פון די הויפּט מעטאַלען און מינעראַלען אין די שטאאטען, וואו די מינעס פון דיזע געפינען זיך, זיינען ווי פאָלגט:

קויהלען געפינען זיך הויפּטזעכליך אין די שטאאטען פּענסילוויניא, וועסט ווירדזשיניא, איליגאָאיז, אָהייאָ און קענטאָקי, און אין קלענערע צאָהלען אין נאָך אנדערע פיר און צוואנציג שטאאטען.

אייזען מינעווען און אייזען שמעלצען איז די צווייטע אין וויכטיגקייט. אייזען ווערט הויפּטזעכליך געמינעוועט אין די שטאאטען מינעסאָטא, מישיגען, אלאבאמא, ניו יאָרק, און וויסקאָנסין, אָבוואָהל צוועלף אנדערע שטאאטען פּראָדוצירען אויך דעם רויהען אייזען מאַטעריאל. דאָס שמעלצען פון אייזען ווערט געטאָן גרעסטענטיילס אין דער געגענד פון פּיטסבורג, פּענסילווייניא, ארום שיקאגאָ און אנדערע טיילען פון אילינאָיז, אין איינינע טיילען פון אָהייאָ און אלאבאמא.

קופּער ווערט געמינעוועט אין פילע מעריב שטאאטען, הויפּטזעכליך אין אריזאָנא, מאָנטאנא, יוטהא און מישיגען. אין צוואנציג אנדערע שטאאטען זיינען אויך פאראנען צו ביסלאך.

זינק (צינק אָדער ספּיאלטער) ווערט געמינעוועט אין מזרח און אין מעריב פון די פאראייניגטע שטאאטען. דער רויהער מאַטעריאל ווערט געמינעוועט אין מיזורי, וויסקאָנסין, מאָנטאנא, ניו מעקסיקא, קאלאראדא, ניו דזשוירזי, און אין פילע אנדערע שטעדט. געשמאָלצען ווערט דאָס הויפּטזעכליך אין אילינאָאיז, אָקלאהאָמא און קענזאָס.

בלאַי קומט מעהרסטענטיילס פון אידעהאָ און מיזורי, אָבער עס איז פאראנען צו ביסלאך אויך אין אנדערע שטאאטען.

גאָלד קומט פון די מינען אין די שטאאטען קאליפאָרניא, קאלאראדא, אלאסקא, זיד־דאקאָטא, אריזאנא, נעוואדא, מאָנטאנא און יוטהא.

זילבער געפינט מען געוועהנליך צוזאמען מיט קופּער, בליי און גאָלד. דאָס מעהרסטע זילבער ווערט געמינעוועט דאָרטען וואו בלאַי.

פּעטראָלעאום (פארשידענע ישטיין אוילען) איז איינע פון די סאמע וויכטיגסטע פּראָדוקטען, און עס ווערט גרעסטענטיילס פּראָדוצירט אין אָקלאהאמא, קאליפארניא, קענזאס, טעקסאס, און פילע אנדערע שטאאטען אין דער מיטעל און ווייטער מעריב.

# אינדוסטריען פון די פאראייניגטע שטאטען

א גרויסע צאהל סחורות ווערען פאבריצירט אין די פאראייניגטע שטאאטען. אט איז א שטיקעל באגריף פון די ארטיקלען וואס ווערען פאבריצירט אין די געגענדען וואו די פאבריקאציאן געהט אן אם שטארקסטען:

אגריקולטור געצייג ווערען פאבריצירט אין גרויסען מאסשטאב אין אילינאיז, וויסקאנסין, אהייא, ניו יארק, אינדיאנא.

אטאמאבילען, גאנצע און טיילוויז, ווערען פאבריצירט אין די שטאאטען מישיגען, אהייא, ניו יארק און אינדיאנא.

שיך און שטיוועל, אויך אלע אנדערע סארטען לעדערוואַרג, איז פון אונזערע גרעסטע אינדוסטריען, און די שטאאטען אין וועלכע דאס ווערט פראדוצירט ווערט דאס אויסגערעכענט לויט דער רייהע פון זייער וויכטיגקייט פאר דיזער אינדוסטרי: מעסעטשוסעטס, ניו יארק, מיזורי, ניו העמפשיר, אהייא און פענסילווייניא.

קליידער ווערען פראדוצירט אין זעהר גרויסע צאהלען אין די שטאאטען אילינאיז, ניו יארק, פענסילווייניא און מערילאנד. ניו יארק פאבריצירט אויך א היבשע צאהל הענדשעקעס.

קאטלעריי און שארפע געצייג איז ניט איינע פון אונזערע גרויסע אינדוסטריען, אבער מיר געבען ארויס א שטוינענדע גרויסע צאהל אויך פון דעם. דיזעס ווערט גרעסטענטיילס פראדוצירט אין די קליינע שטעדטלאך פון קאנעקטיקוט, ניו יארק און מעסעטשוסעטס.

געוועהר און אמוניציאן, וועהרענד עס ווערט פאבריצירט אין א סך פארשידענע פלעצער ווערט אבער גרעסטענטיילס פראדוצירט אין שטאאט קאנעקטיקוט און אויך אין די קלענערע שטעדטלאך פון דיזען שטאאט.

גלאז ווערט פאבריצירט אין א סך פארשידענע פארמען אין די שטאאטען פענסילווייניא, אהייא, אינדיאנא און וועסט ווירדזשיניא. א סך פון די גלאז פאבריקען זיינען צושפרייט איבער די קליינע שטעדטלאך, אבער די שטאדט פיטסבורג איז דער פלאץ וואס גיט גוטע געלעגענהייטען פאר די וואס זיינען פאריינטערעסירט אין גלאז פאבריקאציאן.

היטלען — פוטערנע און איינפאכע קאפעליושען ווערען פאבריצירט אין גרויסע צאהלען אין די שטאאטען פענסילווייניא, קאנעקטיקוט, ניו דזשוירזי און ניו יארק.

זאקען און געשטריקטע סחורות ווערען פראדוצירט אין די קלענערע שטעדט פון ניו יארק.

**אייזען און שטאָהל.** — די אייזען און שטאָהל אינדוסטרי, וועלכע איז די סאמע גרעסטע אין דער וועלט, ווערט אָנגעפירט אויף דעם סאמע גרעסטען מאסשטאב אין פענסילווייניא, אָהייאָ, אילינאָיז און אלאבאמא.

**לעדער.** — די לעדער אינדוסטרי איז ניט בלויז אין איין טייל פון לאנד זאָנדערן איז צושפּרייט איבער זעהר פיל שטאאטען, אין יעדען שטאאט וואו זי געפינט זיך איז זי צושפּרייט איבער דער גרעסטער טייל פון שטאאט. די גרעסטע שטאאטען פאר דער לעדער פאבריקאציאָן זיינען פענסילווייניא, מעסעטשוסעטס, וויסקאָנסין, ניו דזשוירזי, מישי־גען און אילינאָיז. אָבער עס איז אויך היבשלאך פאראנען אין די שטאאטען אָהייאָ, קאליפארניא און דעלאווער.

**פאפּיר און האָלץ פאלפּ** (צומאָהלענע) איז איינע פון די גרויסע אינדוסטריען פון לאנד און געפינט זיך אין פילע פארשידענע שטאאטען. די וויכטיגסטע שטאאטען זיינען ניו יאָרק, מעסעטשוסעטס, מעין, וויס־קאָנסין, פענסילווייניא, אָהייאָ, מישיגען און ניו העמפּשייר. א סך פון דיזע פאבריקען זיינען צושפּרייט איבער די קליינע שטעדטלאך און איבער די גאנצע טיילען פון די שטאאטען אין וועלכע זיי געפינען זיך.

**גומעלאַסטיק** (ראָבער) ווערט אין דער גרעסטער טייל פאבריצירט אין אָהייאָ. . דער סאמע גרעסטער פּלאַץ פאר דיזער פאבריקאציאָן איז אין דער שטאָדט אייקראָן.

**זאַלץ** איז אין פארגלייך א קליינע פּראָדוקציאָן, אָבער קליין איז זי בלויז ווען מ'פארגלייכט די פּראָדוקציאָן פון זאַלץ מיט אנדערע אין ווערטה פון געלט. מענשען ווערען דערביי זעהר א סך באשעפטיגט. די גרעסטע פּראָדוקציאָן פון זאַלץ געהט אָן אין מישיגען, ניו יאָרק, אָהייאָ, קענזאס און קאליפאָרניא.

**זייד.** — די פאבריקאציאָן פון זייד און זיידענע סחורות זיינען בלויז אין די מזרח שטאאטען פון אמעריקא. די הויפּט זיינען פענסיל־ווייניא, ניו דזשוירזי, קאָנעקטיקוט און ניו יאָרק.

**שחט'ן און פאַקען פליישען** איז אן אינדוסטריע וואָס באלאנגט באמת צו די צענטראלע שטאאטען פון מעריב טייל פון די פאראייניגטע שטאאטען. די הויפּט אין דיזען פאך זיינען אילינאָיז, קענזאס, נע־בראסקא, מיזורי און אייאָווא, אָבער דער שטאאט ניו יאָרק האָט זיך אויך גאָר ניט וואָס צו שעמען מיט זיין חלק אין דעם.

# באפעלקערונג פון די שטאַטען

| די שטאַאטען | | די הויפט שטעדט | |
|---|---|---|---|
| אלאבאמא | 2,348,174 | מאָנטגאָמערי | 43,464 |
| אריזאָנא | 334,162 | פאָעניקס | 29,053 |
| ארקענזאס | 1,752,204 | ליטל ראק | 65,142 |
| קאליפארניא | 3,426,861 | סאקראמענטא | 65,908 |
| קאָלאָראַדאָ | 939,629 | דענווער | 256,491 |
| קאָנעקטיקוט | 1,380,631 | הארטפאָרד | 138,036 |
| דעלאווער | 223,003 | דאָווער | 4,042 |
| דיסטריקט אוו קאלומביא | 437,571 | וואשינגטאן | 437,571 |
| פלאָרידא | 968,470 | טעלאהאסי | 5,637 |
| דזשאָרדזשיא | 1,895,832 | אטלאנטא | 200,616 |
| איידעהא | 431,866 | באָיז | 21,393 |
| אילינאָיז | 1,485,180 | ספרינגפיעלד | 59,183 |
| אינדיאנא | 2,930,390 | אינדיאנאפאָליס | 314,194 |
| אייאָווא | 2,404,021 | דעמאָנעס | 126,468 |
| קענזאס | 1,769,252 | טאָפיקא | 50,022 |
| קענטאקי | 2,416,630 | פרענקפארט | 9,805 |
| לואיזיאנא | 1,798,509 | בייטאן ראודזש | 21,782 |
| מעין | 768,014 | אגוסטא | 14,114 |
| מערילאנד | 1,,449,661 | אנאפאָליס | 11,214 |
| מעסעטשוסעטס | 3,852,356 | באָסטאָן | 748,060 |
| מישיגען | 3,668,412 | לענסינג | 57,327 |
| מינעסאָטא | 2,387,125 | סענט פאול | 234,698 |
| מיסיסיפי | 1,790,618 | דזשעקסאן | 22,817 |
| מיזורי | 3,404,055 | דזשעפערסאן סיטי | 14,490 |
| מאָנטאנא | 548,889 | העלענא | 12,037 |
| נעבראסקא | 1,296,372 | לינקאָלן | 54,498 |
| נעוואדא | 77,407 | קארסאָן | 1,685 |
| ניו העמפשיר | 443,083 | קאָנקארד | 22,167 |
| ניו דזשוירזי | 3,155,900 | טרענטאָן | 119,289 |
| ניו מעקסיקא | 360,350 | סענטא פעי | 7,236 |
| ניו יאָרק | 10,385,227 | אלבאני | 113,344 |
| נאָרטה קאראָליינא | 2,559,123 | ראליע | 24,418 |
| נאָרטה דאקאָטא | 646,872 | ביסמארק | 7,122 |
| אָהייאָ | 5,759,394 | קאָלאָמבוס | 237,031 |

| די שטאאטען | | די הויפט שטעדט | |
|---|---|---|---|
| אָקלאהאָמא | 2,028,283 | אָקלאהאמא סיטי | 91,295 |
| אָרעגאָן | 783,389 | סעילעם | 17,679 |
| פענסילווייניא | 8,720,017 | העריסבורג | 75,917 |
| ראהד איילאנד | 604,397 | פראָווידענס | 237,595 |
| סאוטה קאראָליינא | 1,683,724 | קאָלאָמביא | 37,524 |
| סאוטה דאקאָטא | 636,647 | פיערי | 3,209 |
| טענעסי | 2,337,885 | נעשוויל | 118342 |
| טעקסאס | 4,663,228 | אוסטאָן | 34,876 |
| יוטאה | 449,316 | סאלט לעיק סיטי | 118,110 |
| ווערמאָנט | 352,426 | מאָנטפעליער | 7,125 |
| ווירדזשיניא | 2,309,187 | ריטשמאנד | 171,667 |
| וואשינגטאָן | 1,356,261 | אלימפיא | 7,795 |
| וועסט ווירדזשיניא | 1,463,071 | טשארלסטאָן | 39,608 |
| וויסקאָנסין | 2,632,067 | מעדיסאָן | 38,378 |
| ווייאָמינג | 194,402 | שייען | 13,829 |

# וואָס די קאָנסטיטוציאָן טוט פאַר דעם בירגער

## פון הענרי א. ווייז וואוד

(איבערגעדרוקט טיילווייז דורך דער פריינדליכקייט פון דער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט פאר קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג.)

די קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען זאָגט: „קיין פערזאָן זאָל ניט בארויבט ווערען פון לעבען, פרייהייט, אָדער אייגענטום אָהן א געזעצליכען משפט; אויך זאָל קיין פריי־וואטעס אייגענטום גענומען ווערען פאר קהל'שע צוועקען אָהן גערעכטער באלוינונג."

דער ארבייטער געניסט דאָס רעכט פון פריוואטען אייגענטום ווען ער מעג פארמאָגען זיין אייגען געצייג און דאָס וואָס ער שפּאָרט אָפּ פון זיין ארבייט.

ער געניסט דאָס רעכט פון פריוואטען אייגענטום ווען דורך זיין אָפּגעשפּאָרטער מיה קען ער זיך דערשלאָגען צו אן אייגענעם ווינקעלע און זיין א בעל הבית.

דאָס רעכט פון פריוואט אייגענטום גיט אויף דיזען ארט דעם ארבייטער די מעגליכקייט צו ווערען אן אייגענטימער פון א הויז און ווערען א באשעפטיגער פון ארבייטער.

ער געניסט דאָס רעכט פון פריוואטען אייגענטום ווען דערנאָך קען ער נעמען די פארדינסטען פון ווערקשטאַט און פאַר דעם קויפען רעגי־רונג'ס וועקסלען. אויף דיזען ארט גיט דאָס רעכט פון פריוואטען אייגענטום דעם ארבייטער די מעגליכקייט צו ווערען ניט נאָר א בעל הבית און א באשעפטיגער פון ארבייטער, זאָנדערן אויך צו קריגען פּראָצענטען — צו זיין א קאפיטאליסט מיט געלד אוועקגעלעגט פאר פארדינסטען.

אויף דיזער ארט און ווייזע איז אמעריקאנער אינדאָסטרי געבויעט געוואָרען.

עס איז געבויעט פון ארבייטער, וועלכע געפינען זיך אויף פאר־שידענע שטאפּלען פון דעם לייטער פון הצלחה. דיזע וואָס זיינען אויף דעם העכסטען שטאפּעל, אויף דעם סאַמע שפּיץ, זיינען ארבייטער וועמען די קאָנסטיטוציאָן האָט באשיצט און געגעבען די מעגליכקייט זיך צו דראפּען העכער און העכער, און ווען זיי האָבען שוין דערגרייכט דעם סאַמע שפּיץ, באשיצט זיי די קאָנסטיטוציאָן דאָרטען.

דיזע וואָס זיינען נאָך אונטען זיינען ארבייטער פאר וועמען די קאָנסטיטוציאָן באשיצט איצטער, אז זיי זאָלען האָבען די מעגליכקייט צו שטייגען העכער און העכער. זיי געהען אזוי הויך ווי זייער מארך, און שווערע ארבייט, און גוטער כאראקטער וועט טראָגען.

די קאָנסטיטוציאָן פאַרזאָרגט דארום אן אָפענעם לייטער, אויף וועל־כען אַלע קענען שטייגען. יעדער מאן, פרוי און קינד מעגען קומען צו דיזען לייטער און שטייגען אזוי ווי זייער אינדיווידועלע פעהיגקייט וועט זיי ערלויבען. אָבער די קאָנסטיטוציאָן פאַרזאָרגט ניט מיט אן „עלע־וויטאָר" (א מאשין וואָס הויבט) אום אויפצוהויבען הויך דעם פוילענצער און דעם אונפעהיגען צוזאמען מיט דעם ארבייטסזאמען און פעהיגען.

די קאָנסטיטוציאָן זאָגט באמת דיזעס:

„דאָס איז דער וועג צו הצלחה. איך וועל אייך באשיצען בעת איר וועט שטייגען נאָך אַלע דינים פון עהרליכקייט און אנשטענדיגעם האנד־לען; אָבער איר מוזט אהינצו זיך דראפען מיט אייער אייגענער מאכט, מיט אייערע אייגענע הענט, פיס און מארך.

„איך פארטיידיג אייך בשעת איר זייט אן ארבייטער, ווייל דער אר־בייטער איז נויטיג פאר דער וועלט. איך פארטיידיג אייך ווען איר ווערט א בעל הבית איבער ארבייטער, ווייל דער בעל הבית איז אויך נויטיג פאר דער וועלט. אָהן אים קען אינדאָסטרי ניט אָרגאניזירט ווערען, און אָהן אָרגאניזירטער אינדוסטרי קען די וועלט ניט אויסקומען.

„און איך באשיץ אייך ווען איר האָט אָפגעשפּאָרט געגוג געלט דאָס אריינצולעגען אין וועקסלען אָדער סעקיוריטיס — געוואָרען א קאפּי־טאַליסט. יעדער מענש וואָס שפּאָרט געלד איז א קאפּיטאליסט, צי ער האָט אָפּגעשפּאָרט א וואָך'ס פארדינסטען, א יאָר'ס פארדינסטען, צי די פארדינסטען פון א גאנצען לעבען.

„איך באשיץ דעם ארבייטער, ווייל די נאציאָן דארף האָבען ארבייט; איך באשיץ דעם בעל הבית, ווייל די נאציאָן דארף האָבען אָרגאניזירטע אינדאָסטרי.

„אָהן דעם ארבייטער, אָהן דעם באשעפטיגער פון ארבייט, אָהן די וואָס האָבען אָפּגעשפּאָרט פון זייערע פארדינסטען און זיינען געוואָרען קאפּיטאליסטען, וואָלט די נאציאָן ניט געקענט אויסקומען, און וואָלט ניט געקענט באשיצען די בירגער געגען פארברעכען, אויפשטאנד, אָדער רעוואָלוציאָן, אויך וואָלט די נאציאָן ניט געקענט אָנפירען מלחמה און זיך פארטיידיגען געגען פארכאפּערס און באזיגער, און אַלע סאָרטען שרעקליכע אומגליקען."

# הקדמה צו דער קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאַטען

דאָס פאָלגענדע איז ארויסגענומען געוואָרען פון אן הקדמה צו דער קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען, געשריבען פון מעריל ע. גייטס, לל. ד., ל. ה. ד., איבערגעדרוקט דורך דער פריינדליכקייט פון דער נאציאָנאלער געזעלשאפט פאר קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג:

„אונזער קאָנסטיטוציאָן איז די סאמע הארץ און נשמה פון דער נאציאָן וואָס מיר ליבען. אנדערע נאציאָנען איבער דער גאנצער וועלט האָבען נאָכגעמאכט. ווארשיינליך האָבען אונזערע עלטערען ערוואַרטעט אז די באפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאאטען זאָל וויסען וואָס עס איז געשריבען אין דער קאָנסטיטוציאָן און זיין באהאוועגט אין אירע וויכטיגסטע טיילען.

## „די קאָנסטיטוציאָן און דער ארבייטער"

„איבערהויפט דארף יעדער ארבייטענדער מאן און פרוי באקאנט ווערען מיט דער קאָנסטיטוציאָן. עס איז דעם ארבייטער'ס בעסטער פריינד. ניט נאָר באשיצט עס אים אין זיין פערזענליכער פרייהייט און פּאָליטישע רעכטע; עס פארזיכערט אים צו קריגען די גאנצע סומע פון די שכירות וואָס ער האָט זיך באדונגען צו ארבייטען. עס באשיצט זיינע אָפּשפּאָרעכצען. עס האלט וואך איבער זיין היים. עס רעספּעקטירט און באשיצט זיין פאמיליען לעבען. געריכטען און ריכטער, פון וועמענס אנטשיידונגען ער האָט זיך אָפט מאָל געפיהלט געקריוודעט, זיינען פון דעסטוועגען די בעסטע פריינד פון דעם ארבייטער. עס איז דער שארפער געפיהל פון יושר און אויסגעבילדעטע אינטעליגענץ פון אונזערע ריכטער וואָס באשיצען דעם ארבייטער געגען דער שלעכטער ווירקונג פון פאר־פירערישע פּראָבען צו מאכען געזעצע וואָס וואָלטען (ווען זיי קאָנען) צובראָכען די פעסטונגען וואָס באשיצען אונזערע פונדאמענטאלע געזעצע. עס איז די עהרליכע און פּאָרזיכטיגע פארוואלטונג פון אונזער רעגירונג, באוואכט און באשירעמט פון די געריכטען, וואָס האלטען אונזער נאציאָ־נאלעס לעבען געזיכערט.

## די קאָנסטיטוציאָן און די געריכטען

שטודיר די קאָנסטיטוציאָן. זעה ווי דאָס געזעץ באשיצט דיך. דערלאָז ניט קיין דעמאגאָג דיר איינריידען צו פריידיגען ענדערונגען וואָס וואָלטען געמאכט אונמעגליך פאר אונזערע געריכטען צו האָבען פעהיגע און שטארקע ריכטער — ריכטער וואָס האָבען קיין מורא ניט אָנצוהאלטען די פארטיידיגונג פון אונזערע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטע.

## דער שטאָלץ און פאראנטוואָרטליכקייט פון בירגערשאַפט

„עס איז ניט קיין קלייניגקייט צו זיין א בירגער פון דער וועלט'ס גרעסטער רעפּובליק! עס טראָגט מיט זיך א גרויסע פאראנטוואָרטליכ־קייט צו האָבען א שטימע דאָ. איר דארפט וויסען אייערע רעכטע און אייער כח אלס אן אמעריקאנער דעה זאָגער, און איר דארפט וויסען

אייער חוב און פאראנטווארטליכקייט, אזוי גוט ווי אייערע רעכטע, אונ־טער דער אמעריקאנער קאָנסטיטוציאָן. באטראכט זיי גוט אליין, ווען איר לערנט און שטודירט די דייטליכע פונקטען פון אונזער גרויסען פונדאמענטאלען געזעץ.

„זאָל יעדער איינער פון אונז האָבען א קאָפּיע פון אונזער געשריבע־נעם רעכט אלס בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען. לאָמיר לעזען, באטראכטען, און דיסקוטירען מיט אונזערע שכנים און פריינד די קאָנ־סטיטוציאָן, וועלכע איז די עשרת הדברות פון אונזער נאציאָנאלען לעבען. שטודירט די פּרינציפּען. זייט באקאנט מיט זיי. דאַן וועלען מיר זי ליב האָבען. רעדט זיך ניט איין, אז איר קענט שפּילען די גרויסע שפּיל פון אמעריקאנעם לעבען, ניט וויסענדיג די כללים פון דער שפּיל. איין פאָהן, איין לאַנד, איין נאַציאָן! לאָמיר ליב האָבען אונזער איינענעם לאַנד און שעצען אונזער אייגענע פאָהן. ניט פאר אונז איז די רויטע פאָהן פון פאלשען און אַנארכיסטישען אינטערנאציאָנאליזם, נאָר די רויטע, ווייסע און בלויע, פאר וועלכע אונזערע פאָטערס, ברידער און זיהן זיינען געשטארבען; אונטער וועלכע, אים ירצה השם, מיר וועלען לעבען, און פאר וועלכער, אויב נויטיג, וועלען מיר אויך אָפּגעבען אונזער לעבען — איבערגעבען צו דער ברידערליכקייט פון דער גאנצער מענשהייט דורך דעם זיין פריהער פון אלץ איבערגעבען צו אונזער אייגענער היים, אונזער אייגענער פאמיליע, אונזער אייגענער געזעלשאפט, און צו דעם לאַנד וואָס מיר ליבען!"

## קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאַטען

מיר, דאָס פאָלק פון די פאראייניגטע שטאאטען, אום צו פאָרמירען א מעהר פאָלקאָמענעם בונד, איינצופירען גערעכטיגקייט, צו פארזיכערען אינערליכען פריעדען, צו באזאָרגען די אלגעמיינע פארטיידיגונג, צו פארבעסערען דעם אלגעמיינעם וואוילזיין, און צו געניסען די ברכות פון פרייהייט פאר אונז און פאר די דורות נאָך אונז, פארפאסען און נעמען אָן די קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

### ארטיקעל 1.

טייל 1. אלע רעכטע צו מאכען געזעצע וואָס ווערען דאָ איבער־געגעבען זאָלען באלאנגען צו א קאָנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען, וועלכער זאָל באשטעהן פון א סענאט און פון א רעפּרעזענטאנטען הויז.

טייל 2. דאָס רעפּרעזענטאנטען הויז זאָל באשטעהן פון מיט־גלידער, וועלכע זאָלען ערוועהלט ווערען פון פאָלק פון די פארשידענע שטאאטען, און די וועהלער זאָלען האָבען דיזעלבינע אייגענשאפטען וואָס

די וועהלער פון דער געזעצמאכענדער קערפערשאפט פון שטאאט וואָס האָט די גרעסטע צאָל מיטגלידער.

קיין פערזאָן זאָל ניט קענען זיין קיין מיטגליד אין רעפרעזענטאנטען הויז (קאָנגרעסמאן) אויב ער איז ניט שוין געוואָרען פינף און צוואנציג יאָר אלט, איז ניט שוין זיבען יאָר א בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען, און אויב ער איז ניט, אין דער צייט פון דער ערוועהלונג, אן איינוואהנער פון דעם שטאאט אין וועלכען ער ווערט ערוועהלט.

*[רעפרעזענטאנטען (קאָנגרעסלייטע) און דירעקטע שטייערן זאָלען איינגעטיילט ווערען צווישען די פארשידענע שטאאטען, וועלכע זיינען אריינגענומען אין דיזען בונד, לויט זייער באפעלקערונג, די צאָל פון דער באפעלקערונג זאָל באשטימט ווערען דורך דעם צוזאמענרעכענען די צאָל פון פריי מענשען, אריינרעכענענדיג די וואָס זיינען מחויב צו דינען א געוויסען טערמין פון יאָרען, און אויסשליסענדיג אינדיאנער, וועלכע צאָלען ניט קיין שטייערן, און דריי פינפטעל פון אלע אנדערע פערזאָנען.] די ריכטיגע ציילונג זאָל ערשט געמאכט ווערען אין דריי יאָר ארום, נאָך דער ערשטער פארזאמלונג פון דעם קאָנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען, און נאכהער אלע צען יאָר צייט, אויף אזא אופן ווי דאָס געזעץ וועט באשטימען. די צאָל קאָנגרעסלייטע זאָל זיין ניט מעהר ווי איינער פון יעדע דרייסיג טויזענד, אָבער יעדער שטאאט זאָל האָבען ווענינסטענס איין קאָנגרעסמאן; און ביז אָט דיזע צעהלונג וועט געמאכט ווערען זאָל ניו העמפשיר זיין בארעכטיגט צו דריי קאָנגרעסלייטע, מעסעטשוסעטס אכט, ראָהד איילענד און די פראָווידענס פלאנטאציעס איינעם, קאָנעקטיקוט פינף, ניו יאָרק זעקס, ניו דזשוירזי פיר, פענסילווייניא אכט, דעלאווער איינעם, מערילאנד זעקס, ווירדזשיניא צען, נאָרטה קאראָליינא פינף, סאוטה קאראָליינא פינף, און דזשאָרדזשיא דריי.

ווען עס בלייבט לעדיג אן אָרט פון א פארטרעטער פון א שטאאט זאָל דער גאָווערנאָר פון יענעם שטאאט ארויסשיקען באפעהלען פאר וואהלען, אום אָנצופילען די לעדיגע פלעצער.

דאָס רעפרעזענטאנטען הויז זאָל ערוועהלען איר פאָרזיצענדען און אנדערע באאמטע; און זאָל אליין האָבען דאָס רעכט ארונטער צו זעצען אירגענד וועלכען באאמטען (אימפיטשען).

טייל 3. **דער סענאט פון די פאראייניגטע שטאאטען זאָל באשטעהן פון צוויי סענאטאָרען פון יעדען שטאאט, וועלכע זאָלען ערוועהלט

* דער פונקט אין די קלאמערען [] איז געענדערט געוואָרען דורך דעם אמענדמענט 14, צווייטע אָפטיילונג, אויף בלאט נומ. 72.

** דיזער פונקט איז געענדערט געוואָרען דורך אמענדמענט 17, זייטע נומ. 74.

ווערען פון דער געזעצגעבענדער קערפערשאפט פון דעם שטאאט, אויף זעקס יאָר; און יעדער סענאטאָר זאָל האָבען איין שטימע.

גלייךנאָך די ערשטע וואהלען ווען די סענאטאָרען וועלען זיך פאר־זאמלען, זאָלען זיי איינגעטיילט ווערען אזוי באלד ווי מעגליך, אין דריי קלאסען. די פּלעצער פון די סענאטאָרען פון ערשטען קלאס זאָלען ער־ליידיגט ווערען ביי ענדע פון צווייטען יאָר; פון דעם צווייטען קלאס, ווען עס ענדיגען זיך פיר יאָר, און פון דעם דריטען קלאס ווען עס וועלען זיך ענדיגען זעקס יאָר, אזוי אז איין דריטעל פון סענאט זאָל אויסגעקליבען ווערען אלע צוויי יאָר; אויב פּלעצער ווערען ליידיג דורך רעזיגנאציאָן אָדער וועלכען אנדער אופן, און די געזעצגעבענדע קערפּער־שאפט פון דעם שטאאט איז גראָד דאמאָלסט נעשלאָסען, מעג דער גאָ־ווערנאָר פון יענעם שטאאט מאכען דערווייליגע באשטימונג, ביז עס וועט זיך עפענען די זיצונג פון דער געזעצגעבענדער קערפערשאפט, וועל־כע זאָל מאכען וואהלען אויסצופילען די ערליידיגטע פּלעצער.

דער וויצע־פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען זאָל זיין דער פּאָרזיצענדער פון דעם סענאט, אָבער ער זאָל ניט האָבען קיין שטימע סאידען די סענאטאָרען זיינען צוטיילט אויף גלייך.

קיינער קען ניט ווערען ערוועהלט אלס סענאטאָר אויב ער איז ניט לכל הפחות דרייסיג יאָר אלט, ניין יאָר א בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען, און בשעת ער ווערט ערוועהלט איז ער ניט קיין אנוואָהנער פון דעם שטאאט אין וועלכען ער ווערט אויסגעקליבען.

דער סענאט זאָל אויסקלייבען זיינע אנדערע באאמטע און אויך א ניט־שטענדיגען פּאָרזיצענדער, וועלכער זאָל זיין דער פּאָרזיצענדער פון סענאט אין פאל דער וויצע־פּרעזידענט איז אבוועזענד, אָדער ווען דער וויצע־פּרעזידענט מוז פארנעמען די שטעלע פון דעם פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען.

דער סענאט זאָל האָבען דאָס רעכט צו משפט'ען אלע באשולדיגטע באאמטע, אימפּיטשען. ווען זיצענדיג פאר דיזען צוועק זאָלען די סענא־טאָרען זיין אונטער א שבועה אָדער אויפ'ן עהרנוואָרט. ווען דער פּרע־זידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען ווערט גע'משפט, זאָל דער אויבער ריכטער (טשיף דזשאָסטיס) זיין דער פאָרזיצענדער; און קיין פּערזאָן זאָל ניט פאראורטיילט ווערען אָהן דער הסכמה פון צוויי דריטעל פון די אנוועזענדע מיטגלידער.

דער אורטייל איבער באאמטע זאָל ניט געהן ווייטער ווי דאָס ארונ־טערזעצען פון אמט און מאכען אונפעהיג אין דער צוקונפט צו האלטען אָדער צו געניסען פון אן אמט פון כבוד, פארטרויען, אָדער געצאָלט פון די פאראייניגטע שטאאטען; די ארונטערגעזעצטע פּערזאָן זאָל קענען ווערען איינגעקלאָגט, באשולדיגט, גע'משפט, פאראורטיילט און באַ־שטראפט לויט דעם געזעץ.

ט י י ל 4. די צייט, פלאץ און דער אופן אויף וועלכען עס זאלען געהאלטען ווערען די וואהלען פאר די סענאטארען און קאנגרעסלייטע זאל יעדער שטאאט באשטימען פאר זיך אליין, דורך זיין געזעצגעבענדער קערפערשאפט; אבער דער קאנגרעס מעג צו יעדער צייט, דורכ'ן געזעץ, ענדערען אזעלכע סארטען איינפירונגען א חוץ וואס איז נוגע די פלעצער צו וועהלען סענאטארען.

דער קאנגרעס זאל זיך פארזאמלען לכל הפחות איין מאל אין א יאר, און די פארזאמלונג זאל זיין דעם ערשטען מאנטאג אין דעצעמבער, סאידען דער קאנגרעס זאל געזעציך באשטימע א אנדער טאג.

ט י י ל 5. יעדעס הויז (פון קאנגרעס) זאל זיין זיין אייגענער ריכטער איבער די וואהלען, וואהל־רעזולטאטען, און מעלות און חסרונות פון זיינע אייגענע מיטגלידער, און א מאיאריטעט פון יעדען הויז זאל הייסען א געזעציכע צאל (א קווארום) אויף אנצוגעהן מיט דער ארבייט; אבער א קלענערע צאל מעג זיך פארזאמלען פון טאג צו טאג, און מעג באשליסען צו צווינגען די אבוועזענדע מיטגלידער צו קומען, אויף אזעלכע אופנים, און אונטער אזעלכע שטראפען ווי יעדער הויז וועט באשטימען.

יעדע הויז מעג באשטימען די רעגלען פאר זיינע אייגענע פארהאנדלונגען, באשטראפען זיינע אייגענע מיטגלידער פאר אונאנשטענדיגער באנעהמונג, און מיט דער צושטימונג פון צוויי דריטעל מאיאריטעט אויסשליסען א מיטגליד.

יעדעס הויז זאל פירען א פראטאקאל פון זיינע פארהאנדלונגען, און פון צייט צו צייט דיזען פראטאקאל פארעפענטליכען, חוץ דעם טייל וואס זיי געפינען פאר פאסענד צו האלטען בסוד; און די שטימען דורך „יא" און „ניין" פון די מיטגלידער פון יעדען הויז איבער יעדער פראגע זאלען, אויפ'ן וואונש פון א פינפטעל פון די אנוועזענדע, אריינגעשריבען ווערען אין פראטאקאל.

בשעת דער קאנגרעס האלט זיינע זיצונגען טאר זיך קיין איינע הויז ניט פארמאכען, אהן דער הסכמה פון דעם אנדערען הויז, אויף מעהר ווי דריי טעג, אויך זאל קיין הויז ניט אריבערקלייבען זיך אויף אן אנדער פלאץ ווי דארטען וואוביידע הייזער געפינען זיך.

ט י י ל 6. די סענאטארען און קאנגרעסלייטע זאלען ערהאלטען שכירות פאר זייער ארבייט, וואס זאל באשטימט ווערען דורכ'ן געזעץ, און זאל אויסגעצאלט ווערען פון דער קאסע פון די פאראייניגטע שטאאטען. אין אלע פעלע אויסער פארראט, פארברעכען, און שטערונג פון פרידען, זאלען סענאטארען און קאנגרעסלייטע זיין פריי פון ארעסטירונג בשעת זיי זיינען ביי א זיצונג פון זייערע הייזער, אדער ווען זיי געהן פון אדער קומען צו די זיצונגען; און פאר א רעדע אדער דעבאטע

אין איינעם פון די הייזער פון קאָנגרעס, זאָל מען ניט קענען אויספרעגען אין קיין אנדער פלאַץ.

קיין סענאַטאָר אָדער קאָנגרעסמאַן, זאָל די צייט וואָס ער איז א מיטגליד פון דעם קאָנגרעס. ניט באשטימט ווערען אויף קיין ציווילנעם אמט אונטער די פאראייניגטע שטאַאטען, וואָס זאָל ניי געשאַפען ווערען, אָדער וואָס דאָס געהאַלט זאָל האָבען געוואָרען העכער אין יענער צייט; און קיין פערזאָן וואָס האַלט אַן אמט אונטער די פאראייניגטע שטאַאטען זאָל ניט זיין קיין מיטגליד פון קאָנגרעס בשעת ער האַלט אָן זיין אמט.

טייל 7. אלע פאָרשלעגע פאר הכנסות זאָלען צוערשט פאָרגעשלאָגען ווערען אין רעפרעזענטאַנטען הויז; אָבער דער סענאַט מעג פאָרשלאָגען אָדער באשטימען ענדערונגען פונקט ווי ביי אלע אנדערע געזעץ־פאָרשלעגע.

יעדער פארשלאג (ביל) וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין רעפרעזענטאַנטען הויז און אין סענאַט, זאָל, איידער עס ווערט א געזעץ, פאָרגעלעגט ווערען פאר דעם פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאַאטען; אויב ער שטימט צו, זאָל ער דאָס אונטערשרייבען, און אויב ניט, זאָל ער דאָס צוריקשיקען, צוזאַמען מיט זיינע איינווענדונגען, צום הויז, וואו דיזער פאָרשלאַג איז צום ערשטען אריינגעבראכט געוואָרען. דעם פרעזידענט׳ס איינווענדונגען זאָלען אין פול אריינגעשריבען ווערען אין פראָטאָקאָל, און דער פאָרשלאג (אָדער ווי מען רופט דאָס „דהי ביל“) זאָל ווידער אמאָל פארהאַנדעלט ווערען. אויב נאָך דעם ווערט די ביל ווידער אָנגענומען ווערען מיט צוויי דריטעל מאַיאָריטעט, זאָל דאָס, צוזאמען מיט די טענות, אריבערגעשיקט ווערען צום צווייטען הויז, וועלכעם זאָל דאָס אויך ווידער אמאָל נעמען צום פארהאַנדלען, און אויב דאָס ווערט אין דעם צווייטען הויז אויך אָנגענומען מיט צוויי דריטעל מאַיאָריטעט, ווערט דאָס א געזעץ. אָבער אין אלע אזעלכע פעלע זאָלען די מיטגלידער שטימען דורך „יא“ און „ניין“ און די נעמען און שטימען זאָלען פראָטאָקאָלירט ווערען אין יעדען הויז באַזונדער. אויב א ביל ווערט פון פרעזידענט ניט צוריק געשיקט אין פארלויף פון צען טעג צייט (אויסער זונטאגס) נאָכדעם ווי זי איז פאר אים פאָרגעלעגט געוואָרען, ווערט זי א געזעץ, פונקט ווי ער וואָלט זי אונטערגעשריבען, סאַידען דער קאָנגרעס פארמאכט זיך און שטערט דורך דעם דאָס צוריקשיקען די ביל, אין וועלכען פאַל דאָס ווערט ניט קיין געזעץ.

יעדער אָרדער, רעזאָלוציאָן, אָדער פאָרשלאג, צו וועלכע די צושטימונג פון סענאַט און רעפרעזענטאַנטען הויז איז נויטיג (אויסער די פראַגע פון שליסען זיך) זאָל פאָרגעלעגט ווערען פאר׳ן פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאַאטען; און איידער דאָס טרעט אריין אין קראַפט זאָל דאָס קריגען זיין צושטימונג. אָדער, אויב ער שטימט ניט צו, זאָל דאָס ווידער דורכגעפירט ווערען מיט צוויי דריטעל מאַיאָריטעט אין ביידע הייזער, לויט די רעגעלען און פאָרשריפטען פון בילס.

ט י י ל 8. דער קאָנגרעס זאָל האָבען די מאכט ארויפצולעגען און אויפצומאָנען טאקסעס, אָבצאָלונגען און שטייערען; צו באצאָלען די חובות און צו זאָרגען פאר דער אלגעמיינער באשיצונג און וואָהלזיין פון די פאראייניגטע שטאאטען; אָבער אלע טאקסעס, אָבצאָלונגען און שטייערען זאָלען זיין גלייך אומעטום אין די פאראייניגטע שטאאטען.

צו באזאָרגען געלד אויף דעם קרעדיט פון די פאראייניגטע שטאאטען.

צו רעגולירען דעם מסחר מיט פרעמדע פעלקער, צווישען די פאר־שידענע שטאאטען און מיט די אינדיאנער שבטים.

איינפירען גלייכע בירגער רעכטע און גלייכע געזעצע וועגען באנ־קראָט איבעראָל אין די פאראייניגטע שטאאטען.

צו פאבריצירען געלדער, רעגולירען די ווערדע פון אויסלענדישע געלדער, און צו באשטימען סטאנדארדס פון וואָג און מאָס.

צו באשטימען שטראפען פאר פעלשען געלד אָדער רעגירונגס פא־פירען פון די פאראייניגטע שטאאטען.

צו בויען פאָסט געביידען און מאכען פאָסט וועגען.

צו העלפען דעם פראָגרעס און וויסענשאפט פון נוצליכער קונסט, דורך פארזיכערען אויף א באגרענעצטער צייט, צו פארפאסער און ער־פינדער, דאָס אויסשליסליכע רעכט צו זייערע פארפאסונגען און ערפינדונגען.

גרינדען געריכטס הייזער, נידעריגערע פון דעם העכסטען געריכט (סופרים קאורט).

צו באשטימען און באשטראָפען פארברעכענס וואָס ווערען באגאנגען אויף די ימים, און פאר פארשוועכען די געזעצע פון נאציאָנען.

צו ערקלערען מלחמה; צו געבען ערלויבניש צו באפאלען פיינדליכע שיפען, און מאכען רעגלען וועגען נעמען אין פלען אריין אויף דער יבשה און אויפ'ן ים.

צוזאמענצושטעלען און אויפצוהאלטען ארמעען; אָבער קיין בא־שטימונג וועגען געלד פאר דיזען צוועק זאָל ניט זיין אויף לענגער ווי צוויי יאָר צייט.

צו בויען און אויפהאלטען א פלאָטע.

צו מאכען רעגלען בנוגע דער פירונג און רעגולאציע פון לאנד און וואסער חיל.

צו באשטימען וועגען דעם רופען די מיליץ צו מקיים זיין די געזעצע פון די פאראייניגטע שטאאטען, צו דערשטיקען אויפשטענדע, און צוריק־שטויסען אָנפעלע פון פיינד.

באזאָרגען דאָס אָרגאניזירען, באוואפענען, און דיסציפלינירען די מיליץ, און צו האָבען א דעה איבער אזעלכע טיילען פון דער מיליץ, וועלכע וועלען באשעפטיגט ווערען אין דער דינסט פון די פאראייניגטע שטאאטען; איבערלאָזענדיג צו די איינצעלנע שטאאטען די באשיצונג

פון די מיליץ באאמטע און די רעגלען פון מושטירונג די מיליץ לויט דיסציפלין וואָס דער־קאָנגרעס וועט באַשטימען.

אויסצואיבען די אויסשליסליכע מאַכט צו מאַכען געזעצע אין אלע פעלע איבער אזא דיסטריקט וואָס וועט, דורך דעם אוועקגעבען פון גע־וויסע שטאַאטען און דורך דעם אָננעמען פון דעם קאָנגרעס, ווערען א רעגירונגס־זיץ פון די פאראייניגטע שטאַאטען (ווי דער דיסטריקט אוו קאָלאָמביא, וואו די שטאָדט וואשינגטאן איז אויפגעבויט געוואָרען.), און אויסצואיבען אן עהנליכעס רעכט איבער אלע פלעצער וואָס דער קאָנגרעס וועט קויפען פון די געזעצמאכענדע קערפערשאַפטען פון די שטאַאטען, וואו זיי וועלען זיך געפינען, כדי צו בויען פעסטונגען, מאַגאַזינען, געוועהרפלעצער, שיף פלעצער, און אנדערע נויטיגע געביידען; און

צו מאַכען אלע געזעצע וואָס וועלען נויטיג זיין כדי אויסצופירען די אויבענדערמאָנטע מעכטע, און אלע אנדערע מעכטע וואָס די קאָנסטי־טוציאָן גיט איבער צו דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַאטען, אָדער צו יעדער אבטיילונג אָדער באאמטע פון דער רעגירונג.

טייל 9. דאָס אימיגרירען אָדער אריינברייגגען פון פערזאָנען אזעלכע וואָס אירגענד וועלכער פון די שוין איצט עקזיסטירענדע שטאַאטען זאָל האָבען גערעכטפערטיגט, זאָל ניט ווערען פארבאָטען פון דעם קאָנגרעס פאַר דעם יאָהר טויזענט אכט הונדערט און אכט, אָבער א שטייער קען יא ארויפגעלעגט ווערען אויף אזא אריינברייגגען, ניט מעהר ווי צען דאָלאר פאַר אזא פערזאָן.

דאָס רעכט פון „הייבעס קאָרפוס" (דאָס הייסט א באפעהל ניט צו ערלויבען האַלטען איינעם געפאנגען אָהן א פארהער) זאָל ניט אָפּגע־שאַפט ווערען, סאידען אין פעלע פון אויפשטענדע אָדער אָנפאַלען פון שונא, ווען די אלגעמיינע זיכערהייט נויטיגט זיך אין דעם.

קיין געזעץ זאָל ניט געפּאסט ווערען צו צונעמען ביי איינעם זיין פארמעגען און דאָס רעכט איבערצולאָזען זיין פארמעגען צו זיינע יורשים. אויך זאָל קיין געזעץ געפאַסט ווערען צו באַשטראָפען איינעם פאַר א טהאַט וואָס איז ניט געווען קיין פארברעכען איידער דער געזעץ איז געפאַסט געוואָרען. (אין דעם ענגלישען טעקסט פון דער קאָנסטיטוציאָן הייסט דאָס „אטעינדער ביל" און „עקס פּאָסט פאַקטאָ" געזעץ.)

קיין קאָפּשטייער, אָדער אנדער דירעקטער שטייער זאָל ניט ארויפ־געלעגט ווערען סאַידען פּראָפּאָרציאָנאַל נאָך דער פאָלקסצעהלונג אָדער רעכענונגען וואָס ווערען דאָ פאָרגעשריבען איידער זיי ווערען ערלויבט גענומען צו ווערען.

קיין שטייער אָפּצאָלונג זאָל ניט געמאַכט ווערען אויף זאַכען וואָס ווערען ארויסגעפירט פון א שטאַאט.

קיין פאָרצוג זאָל ניט געגעבען ווערען דורך א געזעץ פון האַנדעל אָדער איינקונפט צו די האַפענס פון איין שטאַאט איבער די האַפענס פון אַן אַנדער שטאַאט; אויך זאָלען קיינע שיפען וואָס קומען, אָדער

פארלאָזען איין שטאאט ניט מוזען אריינקומען, אָדער קריגען ערלויבניש, אָדער צאָלען שטייערען אין אנדערען שטאאט.

קיין געלד זאָל ניט געצויגען ווערען פון דער טרעזשורע (רעגירונג'ס קאסע) סאידען אלס רעזולטאט פון געזעצליכע באשטימונגען; א רעגעל־מעסיגע רשימה און חשבון פון אַלע הכנסות און הוצאות פון אַלע קהל'־שע געלדער זאָלען פארעפענטליכט ווערען פון צייט צו צייט.

קיין טיטולען פון אדעל זאָלען ניט געגעבען ווערען פון די פאר־אייניגטע שטאאטען; און קיין פערזאָן וועלכע האלט עפעס אן אמט פון געצאָלט אָדער פון צוטרויען אונטער די פאראייניגטע שטאאטען, זאָל, אָהן דער צושטימונג פון קאָנגרעס, ניט אָננעמען קיין שום מתנה, גע־צאָלט, אמט, אָדער טיטול פון א קעניג, פרינץ, אָדער פרעמדער רעגירונג.

**ט י י ל 10.** קיין שטאאט זאָל ניט שליסען קיין אָפמאך, בונד אָדער פאראייניגונג; געבען ערלויבניסען צו באפאלען שיפען פון א שונא; פאבריצירען געלד; ארויסלאָזען קרעדיט פאפירען; מאכען קיין שום אנדער געלד ווי נאָר גאָלדענע און זילבערנע מטבעות אלס געזעצליך געלד צו באצאָלען חובות; דורכפירען קיין געזעץ וואָס זאָל צונעמען ביי איינעם זיין פארמעגען אָדער רעכטע („אטעינדער ביל“) און אויך ניט קיין געזעץ צו באשטראָפען פאר דעם וואָס איז געטאָן געוואָרען איידער דער געזעץ איז געפאסט געוואָרען („עקס פאָסט פאקטאָ“ געזעץ), אָדער א געזעץ וועגען שעדיגען די פארפליכטונגען פון א קאָנטראַקט; אָדער געבען אדעל טיטולען.

קיין שטאאט זאָל אָהן דער צושטימונג פון קאָנגרעס ניט ארויפליי־גען קיין שום שטייערען אויף אריינגעפירטע סחורות, חוץ די אבסאָלוט נויטיגע אונטערזוכונגס רעגלען; און די ריינע הכנסה וואָס א שטאאט וועט ארויפלייגען אויף אריינגעפירטע אָדער ארויסגעפירטע סחורות, זאָל באלאנגען צו דער קאַסע פון די פאראייניגטע שטאאטען; און אלע אזעלכע געזעצע זאָלען זיין אונטערוואָרפען דער אויפזיכט און קאָנטראָלע פון קאָנגרעס.

קיין שטאאט זאָל ניט, אָהן דער הסכמה פון קאָנגרעס, ארויפלייגען שטייערען אויף שיפען, האלטען חיל, אָדער קריגס־שיפען אין פרידענס צייטען, שליסען אַן אָפמאַך מיט אַן אַנדער שטאַאט, אָדער מיט אַ פרעמד־דער מאַכט, אָדער אָנפירען מלחמה, סאידען דער שטאאט ווערט ווירק־ליך באַפאַלען אָדער איז אין אזא אונפארמיידליכער געפאַר וואָס וועט ניט ערלויבען צו ווארטען.

## א ר ט י ק ע ל 2.

**ט י י ל 1.** די מאַכט דורכצופירען די געזעצע (עקזעקוטיווע מאכט) זאָל איבערגעגעבען ווערען צו א פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אַמעריקא. ער זאָל אָנהאלטען זיין אמט פאר א טערמין

פון פיער יאָר צייט; און צוזאמען מיט'ן וויצע־פּרעזידענט, ערווײלט פאר דעמזעלבען טערמין, זאָל די וואַל פאָרקומען אויף דעם פאָלגענדען אופן:

יעדער שטאאט זאָל באשטימען, לויט דעם באשלוס פון זיין געזעצמאכענדער אפּטיילונג, א צאָל וויילער (אין ענגליש הייסען זיי „עלעקטאָרס") אזוי פיל ווי די צאָל פון סענאטאָרען או קאָנגרעסלייטע צוזאמען וואָס דער שטאאט האָט אין קאָנגרעס; אָבער קיין סענאטאָר אָדער קאָנגרעסמאַן, אָדער אירגענד וועלכער פּערזאָן וואָס האלט אן אמט פון שכר אָדער צוטרויען פון די פאראייניגטע שטאאטען זאָל באשטימט ווערען אלס „עלעקטאָר".

(די עלעקטאָרס זאָלען זיך פארזאמלען אין זייערע באזונדערע שטאאטען און שטימען דורך א שטימצעטעל פאר צוויי פּערזאָנען, פון וועלכע איינער, אמווייניגסטענס זאָל ניט זיין קיין איינוואוינער פון דערזעלבער שטאאט ווי זיי, און זיי זאָלען מאכען א ליסטע פון אלע פּערזאָנען פאר וועלכע מען האָט געשטימט און די צאָל שטימען פון יעדען פון די פּערזאָנען; דיזע ליסטע זאָל זיין אונטערשריבען און באשטעטיגט און זאָל איבערגעשיקט ווערען א פארזיגעלטע צו דעם רעגירונגס־זיץ פון די פאראייניגטע שטאאַטען, אַדרעסירט צום פּאָרזיצענדען פון סענאַט. דער פאָזיצענדער פון סענאט זאָל, אין דער אנוועזענהייט פון סענאט און רעפּרעזענטאנטען הויז, עפענען אלע באשטעטיגטע ליסטען און די שטימען זאָלען דאן געצעהלט ווערען. די פּערזאָן וועלכע האָט די גרעסטע צאָל שטימען זאָל זיין ערווײלט פּרעזידענט, אויב דיזע צאָל זאָל זיין א מאיאָריטעט פון דער גאנצער צאָל עלעקטאָרס וואָס זיינען באשטימט געוואָרען; און אויב עס זאָל זיין מעהר ווי איינער מיט אזא צאָל וואָס איז א מאַיאָריטעט און זאָלען האָבען א גלייכע צאָל שטימען, דאן זאָל דאָס רעפּרעזענטאנטען הויז גלייך דערווײלען, דורך אָפּשטימונג, איינעם פון זיי אלס פּרעזידענט; און אויב קיין פּערזאָן זאָל האָבען קיין מאַיאָריטעט פון די שטימען, דאן זאָל דאָס זעלבע הויז ערווײלען אויף דעמזעלבען אופן איינעם אלס פּרעזידענט פון די פינף וואס האָבען די גרעסטע צאָל שטימען אויף דער ליסטע. אָבער ביים ערווײלען א פּרעזידענט זאָלען די שטימען גענומען ווערען לויט די שטאאטען, די פארטרעטער פון יעדען שטאאט זאָלען האָבען איין שטימע; א קוואָרום (א גענוגענדע צאָל שטימען) זאָל באשטיין פון צוויי דריטעל פון דער פארטרעטערשאפט פון שטאאט, און א מאיאָריטעט פון אלע שטאאטען זאָל זיין נויטיג צו ערווײלען. אין יעדען פאַל, נאָך'ן וואַל פון פּרעזידענט, זאָל די פּערזאָן וואָס האָט די גרעסטע צאָל שטימען פון די עלעקטאָרס, זיין וויים פּרעזידענט. אָדער אויב עס זאָלען בלייבען צוויי אָדער מעהר פּערזאָנען וואָס האָבען א גלייכע צאָל שטימען, זאָל דער סענאט דערווײלען פון זיי, דורך אפּשטימונג, דעם וויצע־פּרעזידענט.)

(דיזער פונקט איז געענדערט געוואָרען דורך דעם צוועלפטען אמענדמענט, בלאט נומ. 71).

דער קאָנגרעס קאָן באשטימען די צייט פאר'ן אויסקלייבען די עלעקטאָרס און דעם טאָג אין וועלכען זיי זאָלען שטימען; דיזער טאָג זאָל זיין דערזעלבער איבער די אלע פאראייניגטע שטאאטען.

קיין פערזאָן, סאידען א געבוירענער בירגער, אָדער א בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען אין דער צייט ווען דיזע קאָנסטיטוציאָן ווערט אָנגענומען, זאָל ניט קענען ערוויילט ווערען אלס פרעזידענט; אויך זאָל קיינער ניט קענען ערוויילט ווערען צו דיזען אמט, אויב ער איז נאָך ניט געוואָרען פינף און דרייסיג יאָהר אַלט, און ניט האָבען געוואוינט פירצען יאָר אין די פאראייניגטע שטאאטען.

אין פאל דער פרעזידענט ווערט ארונטערגעזעצט פון זיין אמט, אָדער אין פאל פון טויט, רעזיגנאציאָן, אָדער אונפעהיגקייט אויסצופירען די מעכטע און פליכטע פון דיזען אמט, זאָל דער אמט איבערגיין צום וויצע־פרעזידענט; און דער קאָנגרעס זאָל דורכ'ן געזעץ באשטימען, אין פאל פון ארונטערזעצען, טויט אָדער רעזיגנאציאָן, אָדער אונפעהיגקייט אויך פון דעם וויצע פרעזידענט, וועלכער באאמטער זאָל דאמאָלסט דינען ביז די אונפעהיגקייט וועט באזייטיגט ווערען אָדער א פרעזידענט ערוויילט ווערען.

דער פרעזידענט זאָל, צו באשטימטע צייטען, קריגען פאר זיינע דינסטע א געהאלט, וואס זאָל ניט פארגרעסערט און ניט פארקלענערט ווערען דורך דער צייט אויף וועלכער ער איז ערוויילט געוואָרען; און ער זאָל דורך דיזער צייט ניט קריגען קיין אנדער באלוינונג פון די פאראייניגטע שטאאטען, אָדער פון וועלכע ניט איז פון זיי.

איידער דער פרעזידענט טרעט אריין אין אמט זאָל ער געבען די דאָזיגע שבועה, אָדער ערען־וואָרט: „איך שווער (אָדער פארזיכער) היילינג אז איך וועל טריי ערפילען דעם אמט פון פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען; איך וועל, מיט מיינע בעסטע כחות אָפּהיטען, באשיצען, און פארטיידיגען די קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען".

ט י י ל 2. דער פרעזידענט זאָל זיין דער הויפט קאָמאנדיר פון דער ארמיי און פלאָטע פון די פאראייניגטע שטאאטען, און פון דער מיליץ פון די פארשידענע שטאאטען, ווען זיי ווערען גערופען אין דער פאקטישער דינסט פון די פאראייניגטע שטאאטען. ער מעג פאָדערען די מיינונג שריפטליך פון יעדען הויפט באאמטען פון דער עקזעקוטיווער אפטיילונג, וועגען יעדען פונקט בנוגע די פליכטען פון זייערע באזונדערע עמטער. און ער זאָל האָבען די מאכט צו שענקען דאָס אָפּלעגען פון שטראָף און באגנאדיגונג פאר פארברעכענס געגען די פאראייניגטע שטאאטען, אויסער אין פעלע פון „אימפּיטשמענט" (ארונטערזעצוגען פון אמט).

ער זאָל האָבען די מאכט, מיט דער הסכמה פון צוויי דריטעל פון די שטימען פון די סענאטאָרען אנוועזענד, צו שליסען אָפּמאכען („טרי־טיס") מיט אַנדערע פעלקער; און ער זאָל נאָמינירען, און, דורך און מיט דער צושטימונג פון סענאט, זאָל ער באשטימען אמבאסאדאָרען, און אַנ־דערע געזאנדטע און קאָנסולען, ריכטער פון סופרים קאורט (העכסטען געריכט), און אַלע אנדערע באאמטע פון די פאראייניגטע שטאאטען, וועמענס באשטימונגען זיינען דאָ ניט פאָרגעשריבען געוואָרען, און וועלכע וועלען ווערען איינגעפירט אין געזעץ. אָבער דער קאָנגרעס, אויב ער האלט עס פאר ראטזאם, מעג, דורך דעם געזעץ, איבערגעבען דאָס באַ־שטימען פון אזעלכע באאמטע צום פרעזידענט אליין, צו די געריכטס הייזער, אָדער צו די עלטסטע פון די רעגירונגס אפטיילונגען..

דער פרעזידענט זאָל האָבען דאָס רעכט אָנצופילען אַלע אויסגעליי־דיגטע עמטער וואס וועלען פאסירען ווערענד דער צייטווייליגער שליסונג פון דעם סענט, דורך ארויסגעבען באפאָלמעכטיגונגען, וואס זאָלען אויס־גיין ביי דער ענדע פון דער נעקסטער זיצונג.

ט י י ל 3. ער זאָל פון צייט צו צייט געבען אויסקינפטע וועגען דעם צושטאנד פון דעם לאנד, און זאָל רעקאָמעדירען פאר זייער באַ־טראַכטונג אזעלכע פונקטען וואָס ער וועט דענקען אלס נויטיג און פאַ־סענד. ער מעג, אין אויסערגעוויינליכע פעלע, צוזאמענרופעןביידע הייזער פון קאָנגרעס, אָדער אירגענד וועלכע פון זיי; אין פאל ביידע הייזער שטימען ניט איין איבער דער צייט פון זייער עפענען זיך, מעג ער זיי צוזאמענרופען אויף א צייט וואָס ער האלט פאר פאסענד; ער זאָל אויפנעמען אמבאסאדאָרען און אַנדערע געזאנדטע. ער זאָל אכטונג געבען אז די געזעצע זאָלען טריי דורכגעפיהרט ווערען; און זאָל אַנשטע־לען אַלע באאמטע פון די פאראייניגטע שטאאטען.

ט י י ל 4. דער פרעזידענט, וויצע־פרעזידענט, און אַלע ציווילע באאמטע פון די פאראייניגטע שטאאטען זאָלען ארונטערגעזעצט ווערען פון זייערע עמטער דורך אָנקלאָגען (אימפּיטשמענט) און פאראורטיילונג פאר פאררראט, באבאר, אָדער אַנדערע גרויסע פארברעכענס און שלעכטע אויפפיהרונגען.

## א ר ט י ק ע ל 3.

ט י י ל 1. די ריכטערליכע מאכט זאָל איבערגעגעבען ווערען אין איין הויפּט געריכט (סופרים קאורט) און אין אזעלכע נידעריגערע געריכ־טען ווי דער קאָנגרעס וועט פון צייט צו צייט באשטימען און איינפיהרען. די ריכטער, אי פון סופרים קאורט אי פון די נידעריגערע געריכטען, זאָ־לען אָנהאַלטען זייערע עמטער אזוי לאַנג ווי זיי פיהרען זיך אויף אָנ־שטענדיג; און זאָלען, אין באשטימטע צייטען, פאר זייער דיענסט, באַ־קומען א געהאַלט וואָס זאָל ניט פארקלענערט ווערען כל זמן זיי האלטען אָן זייערע עמטער.

ט י י ל 2. די ריכטערליכע מאכט זאָל האָבען די ממשלה איבער אַלע פעלע פון געזעץ און גערעכטיגקייט וואָס שטאַמט פון דיזער קאָנסטיטוציאָן, די געזעצע פון די פאראייניגטע שטאַאטען, און אָפּמאַכונגען וואָס זיינען שוין געשלאָסען געוואָרען אָדער וואָס וועלען געשלאָסען ווערען אונטער זייערע רעכטע; אויף אַלע פעלע וואָס ריהרען אָן אַמבאַסאדאָרען אָדער געזאַנדטטע, און קאָנסולען; אויף אַלע פעלע וואָס ריהרען אָן פלאָטען באַאמטע אָדער וואסער־הערשאפט. צו סכסוכים אין וועלכע די פאראייניגטע שטאַאטען איז אַ צד; אויך שטרייטיגקייטען צווישען צוויי אָדער מעהרער שטאַאטען; צווישען בירגער פון פארשיעדענע שטאַאטען; און צווישען אַ שטאַאט, אָדער זיינע בירגער, מיט פרעמדע לענדער, בירגער אָדער אונטערטאַנען.

אין אַלע פעלע וואָס זיינען שייך צו אַמבאַסאַדאָרען, אַנדערע געזאַנדטע און קאָנסולען, און יענע ביי וועלכע אַ שטאַאט איז איינע פון די צדדים, זאָל דער סופרים קאורט (העכסטער געריכט) האָבען דאָס אָריגינאַלע רעכט. אין אַלע אַנדערע פעלע וואָס זיינען אויבען אויסגערעכנט, זאָל דער סופרים קאורט נאָר האָבען דאָס רעכט ווען עס ווערט אַפּעלירט צו איהם, סאַי וועגען געזעץ, סאַי וועגען די פאַקטען, מיט אַזעלכע אויסנאהמען און מיט אַזעלכע איינפיהרונגען ווי דער קאָנגרעס וועט מאַכען.

דער פּראָצעס פאר אַלע פארברעכענס, אַ חוץ פעלע פון ארונטערזעצען באַאמטע, זאָל זיין דורך אַ דזשורי (געשוואוירענע פון פאָלק) און אַזאַ פּראָצעס זאָל געהאַלטען ווערען אין דער שטאאט וואו דער פארברעכען איז באַגאַנגען געוואָרען; אָבער אויב דער פארברעכען איז ניט באַגאַנגען געוואָרען אין קיין שום שטאאט זאָל דער משפט געהאלטען ווערען אין אַזאַ פּלאַץ אָדער פּלעצער וואו דער קאָנגרעס וועט באַשטימען.

ט י י ל 3. הויכפאַרראַט געגען די פאראייניגטע שטאַאטען זאָל באַשטעהן בלויז אין פיהרען מלחמה געגען זיי, אָדער צושטעהן צו זייער פיינד, געבענדיג זיי הילפע אָדער באַקוועמליכקייט.

קיין פּערזאָן זאָל ניט פאראורטיילט ווערען פאר הויכפאַרראַט, סאַידען אויף באַווייזע פון צוויי עדות וועגען דיזער אָפענער טהאַט, אָדער דורך מודה זיין זיך אין אָפענעם געריכט.

דער קאָנגרעס זאָל האָבען די מאַכט צו באַשטימען די שטראָף פאר הויכפאַרראַט; אָבער קיין פאראורטיילונג פון אימיצען פאַר הויכפאַרראַט זאָל ניט שעדיגען זיין פאַמיליע אָדער יורשים, אָדער מען זאָל זיין פאַרמעגען ניט קאָנפיסקירען, אַ חוץ פאר דער צייט פונ׳ם לעבען פון דעם פאראורטיילטען.

## א ר ט י ק ע ל 4.

פולער צוטרויען און גלויבען זאָל געשאָנקען ווערען פון איין שטאאט צו די קהל׳שע טהאַטען, פּאַפּיערען און געריכטליכע פארהאַנדלונגען פון

אלע אנדערע שטאאטען ; און דער קאנגרעס מעג דורך אלגעמיינע געזעצע פארשרייבען און ווייזען ווי דיזער רעקארד און פארהאנדלונגען זאלען באַרעכטיגט ווערען, און אויך זייער ווירקונג.

ט י י ל 2. די בירגער פון יעדען שטאאט זאלען האבען אלע רעכטע וואס עס האבען די בירגער פון אנדערע שטאאטען.

א פערזאן וואס ווערט באשולדיגט אין א שטאאט אין הויכפארראט, אדער אין אירגענד וועלכען אנדערען גרעסערען אדער קלענערען פארברעכען, וואס וועט אנטלויפען פון גערעכטיגקייט און וועט געפונען ווערען אין אן אנדער שטאאט, זאל אויף דער פאדערונג פון דעם הויפט עקזעקוטיוו באאמטען (גאווערנאר) פון דעם שטאאט פון וועלכען ער איז אנטלאפען, אויסגעליפערט ווערען צו דעם שטאאט וואס האט א רעכט איבער דעם פארברעכען.

קיין פערזאן וואס ווערט געהאלטען פאר קנעכטשאפט אדער געצוואונגענע ארבייט אין איין שטאאט, לויט זיינע געזעצע, וועלכער אנטלויפט אין אן אנדער שטאאט זאל ניט צוליעב וועלכען עס איז געזעץ אדער איינפיהרונג פון דיזען שטאאט, באפרייט ווערען פון זיין קנעכטשאפט אדער געצוואונגענער ארבייט, און דיזער פערזאן זאל אויסגעליפערט ווערען אויפ׳ן פארלאנג פון דעם צו וועמען עס קומט דיזע קנעכטשאפט אדער געצוואונגענע ארבייט. (דיזער פונקט איז שפעטער געענדערט געווארען דורך דעם אמענדמענט 13, בלאט נומ. 72).

ט י י ל 3. נייע שטאאטען מעגען פון קאנגרעס ארייננעמען ווערען אינ׳ם בונד פון די פאראייניגטע שטאאטען ; אבער קיין נייער שטאאט זאל ניט געמאכט אדער געשאפען ווערען אין די גרעניצען פון אן אנדער שטאאט ; אויך זאל קיין שטאאט ניט געמאכט ווערען דורך דער פאראייניגונג פון צוויי אדער מעהרערע שטאאטען, אדער טיילען פון שטאאטען, אהן דער צושטימונג פון דער געזעצגעבענדער אפטיילונג פון די אנגעריהרטע שטאאטען, אזוי גוט ווי פונ׳ם קאנגרעס.

דער קאנגרעס זאל האבען די מאכט צו פארהאנדלען אלע נויטיגע רעגעלען און פאסען אלע געזעצע פאר טעריטאריעס אדער אנדערע אייגענטום פון די פאראייניגטע שטאאטען ; און קיין זאך אין דיזער קאנסטיטוציאן זאל ניט אויסגעטייטשט ווערען אזוי, אז עס זאל שאדען די רעכטע פון די פאראייניגטע שטאאטען, אדער פון וועלכען ניט איז באזונדערען שטאאט.

ט י י ל 4. די פאראייניגטע שטאאטען זאל גאראנטירען צו יעדען איינעם פון די שטאאטען אין דיזען לאנד א רעפובליקאנישע פארם פון א רעגירונג, און זאל יעדען פון זיי באשיצען געגען אנפאלען פון שונא ; און אויפ׳ן פארלאנג פון דער געזעצגעבענדער אפטיילונג אדער פונ׳ם עקזעקוטיוו באאמטען (ווען די געזעצמאכענדע קערפערשאפט קען זיך ניט פארזאמלען) געגען אינערליכען אויפשטאנד.

ארטיקעל 5.

ווען צוויי דריטעל פוןביידע הייזער פון קאָנגרעס וועלען דאָס גע־פינען פאר ראטזאם זאָל דער קאָנגרעס פאָרשלאָגען אַמענדמענטס (אויס־בעסערונגען) צו דיזער קאָנסטיטוציאָן, אָדער אויף'ן פארלאנג פון די גזעצמאַכענדע אָפּטיילונגען פון צוויי דריטעל פון די פארשידענע שטאאטען, זאָל ער צוזאמענרופען א פארזאמלונג כדי פאָרצושלאָגען אַמענדמענטס, וועלכע זאָלען אין יעדען פאַל, זיין גילטיג פאר אַלע אב־זיכטען און צוועקען אַלס א טייל פון דיזער קאָנסטיטוציאָן, ווען די אַמענדמענטס וועלען גוט געהייסען ווערען פון די געזעצמאַכענדע אָפּטיי־לונגען פון דריי פיערטעל פון די פארשידענע שטאאטען, אָדער דורך פארזאמלונגען אין דריי פערטעל פון די שטאאטען, וואו דיזע אָדער אנ־דערע מעטאָדען פון גוטהייסען וועט פאָרגעשלאָגען ווערען פונ'ם קאָנ־גרעס; בתנאי אז קיין אַמענדמענט וואָס וועט געמאַכט ווערען פאר דעם יאָהר אכצעהן אכט (1808) זאָל אויף קיין פאַל ניט באריהרען דעם ערשטען און פיערטען פונקט אין דער ניינטער טייל פונ'ם ערשטען אר־טיקעל; און אז קיין שטאאט זאָל מען אָהן איהר צושטימונג ניט צו־נעהמען די גלייכע רעכטע צו שטימען אין סענאט.

ארטיקעל 6.

אַלע חובות און פארפליכטונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען איי־דער די קאָנסטיטוציאָן איז אָנגענומען געוואָרען, זאָלען בלייבען פונקט אזוי בינדענד פאר די פאראייניגטע שטאאטען אונטער דיזער קאָנסטי־טוציאָן ווי אונטער דער קאָנפעדעראציאָן. (דיזער פונקט איז געווען בלויז א ציטווייליגער און איז שוין איצטער ניט מעהר נויטיג.)

דיזער קאָנסטיטוציאָן און די געזעצע פון די פאראייניגטע שטאאטען וואָס וועלען געמאַכט ווערען לויט די פאָרשריפטען פון איהר, און אַלע אָפּמאַכונגען וואָס זיינען געשלאָסען געוואָרען, אָדער וואָס וועלען גע־שלאָסען ווערען, אונטער דעם רעכט פון די פאראייניגטע שטאאטען, זאָלען זיין דאָס העכסטע געזעץ פון דיזען לאַנד און די ריכטער פון יעדען שטאאט זאָלען אָן דעם זיין געבונדען ניט אַכטענדיג וואָס עס קען זיך מאַכען אין עפּעס א שטאאט א וואָס ניט איז א געזעץ געגען דעם.

די אויבען דערמאָנטע סענאטאָרען און די מיטגלידער אין די געזעץ־מאַכענדע אָפּטיילונגען פון די באַזונדערע שטאאטען, און אַלע געזעץ־דורכפיהרענדע (עקזעקוטיוו) און געזעץ־פארטייטשענדע (לעדזשיסלייטיוו) באאמטע פון די פאראייניגטע שטאאטען, און פון די באַזונדערע שטאא־טען, זאָלען געבונדען זיין דורך א שבועה צו אונטערשטיצען די קאָנסטי־טוציאָן; אָבער קיין רעליגיעזער עקזאמען זאָל קיין מאָל ניט געפאָדערט

ווערען אַלס אַן איינגענשאַפט פאר וועלכען עס איז אַמט אָדער עפענטליכען פארטרעטען אונטער די פאראייניגטע שטאאטען.

## קאפיטעל 7.

דאַס גוטהייסען ביי דיזער פארזאַמלונג פון ניין שטאאטען זאָל זיין גענוג אויף איינצופיהרען דיזע קאָנסטיטוציאָן צווישען די שטאאטען וואָס ווערלען דאַסזעלבע גוטהייסען.

דיזעס איז אָפּגעטאָן געוואָרען מיט דער איינשטימיגער הסכמה פון אַנוועזענדע שטאאטען, דעם זיבענצעהנטען טאָג פון סעפּטעמבער, אין יאָהר פון אונזער לאָרד 1787, און דעם צוועלפטען יאָהר פון דער אונאָפּהייננגיגקייט פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אַמעריקא. אַלס עדות דערצו האָבען מיר דאָ אונטערשריבען אונזערע נעמען.

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן,
פּאָרזיצענדער און דעפּוטאַט פון ווירדזשינאַי.
באַשטעטיגט: וויליאַם דזשעקסאָן, סעקרעטאַר.

## אַמענדמענטס (אויסבעסערונגען און צוזעצעכצען) צו דער קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אַמעריקא, פאָרגעשלאָגען ביים קאָנגרעס און גוטגעהייסען ביי די געזעצגעבענדע אָפּטיילונגען פון די פאראייניגטע שטאאטען אין איינקלאַנג מיט'ן פינפטען ארטיקעל פון דער אָריגינאלער קאָנסטיטוציאָן.

### ארטיקעל 1.

דער קאָנגרעס זאָל ניט מאַכען קיין געזעץ וועגען איינפיהרען אַ רעליגיאָן אָדער פארוועהרען דאָס פרייע פּראַקטיצירען עס; אָדער באַשרענקען די פרייהייט פון ריידען אָדער שרייבען; אָדער דאָס רעכט פון'ם פאָלק זיך פריעדליך צו פארזאַמלען, און צו בעטען די רעגירונג צו פארגיטיגען קריוודעס.

### ארטיקעל 2

אַזוי ווי אַ גוט רעגולירטע מיליץ איז נויטיג פאר דער זיכערהייט פון אַ פרייען שטאאט, זאָל דאָס רעכט פון פאָלק צו האַלטען און צו טראָגען געוועהר ניט פארלעצט ווערען.

## ארטיקעל 3.

קיין סאָלדאט זאָל, אין פריעדענסצייט, ניט אריינגעשטעלט ווערען אין א הויז אָהן דער צושטימונג פון דעם בעל הבית; אויך ניט אין קריעגסצייט, סאַידען אויף אזא אופן, ווי דאָס געזעץ וועט פאָרשרייבען.

## ארטיקעל 4.

דאָס רעכט פון פאָלק צו זיין זיכער מיט זיינע הייזער, פּאַפּיערען און אייגענטום, געגען אונגערעכטע אונטערזוכונגען און פארכאַפּונגען, זאָל ניט איבערגעטראָטען ווערען; און קיינע ארעסט־באַפעהלע זאָלען ארויסגעלאָזט ווערען סאַידען אויף א מעגליכען גרונד, אונטערשטיצט דורך א שבועה אָדער עהרענוואָרט, און גענוי באשרייבענדיג דעם אָרט וואָס וועט דורכגעזוכט ווערען, און די פּערזאָנען אָדער זאַכען וועלכע וועלען אוועקגענומען ווערען.

## ארטיקעל 5.

קיין פּערזאָן זאָל ניט געהאַלטען ווערען צו ענטפערען אויף א קלאַגע פון מאָרד אָדער אַנדערע שרעקליכע פארברעכענס, סאַידען דורך דעם פאָרלעגען די באשולדיגונגען פאר א גרענד דזשורי (24 געשוואוירענע פון פאָלק) א חוץ אין פעלע ווען דאָס פּאַסירט צווישען דעם לאַנד און ים חיל, אָדער אין מיליץ, בשעת אין פּאַקטישער דיענסט אין קריעגעסצייט אָדער בשעת קהל׳שע געפאַהר; אויך זאָל קיין פּערזאָן׳ס לעבען אָדער גליעד ניט קענען געשטעלט ווערען אין געפאַהר צוויי מאָל פאר דעמזעלבען פארברעכען; אויך זאָל קיין פּערזאָן ניט געצוואונגען ווערען אין קיין קרימינאלען פּראָצעס צו זיין אַן עדות געגען זיך אליין, אויך זאָל ער ניט בארויבט ווערען פון זיין לעבען, פרייהייט, אָדער אייגענטום, אָהן א ריכטיגען משפּט; אויך זאָל פּריוואַטעס אייגענטום ניט גענומען ווערען פאר קהל׳שע נוצען אָהן א גערעכטער באלוינונג פאַר דעם.

## ארטיקעל 6.

אין אַלע קרימינעלע אָנקלאגען זאָל דער באַשולדיגטער האָבען א רעכט אויף א שנעלען און עפענטליכען פּראָצעס דורך אַן אונפּאַרטייאישער דזשורי (12 געשוואוירענע) פון דעם שטאַאט און דיסטריקט וואו דער פאַרברעכען איז באַגאנגען געוואָרען. און דער דיסטריקט זאָל פריהער פון געזעץ פעסטגעשטעלט ווערען; און ער זאָל קריגען א קלאָהרע ידיעה וועגען דעם כאראַקטער און אורזאכע פון דער באַשולדיגונג; ער זאָל גע־

שטעלט ווערען פנים אל פנים מיט די עדות געגען איהם; ער זאָל האָבען א רעכט דאָס צווינגען צו ברייגגען עדות איהם לטובה; און צו האָבען אן אדוואָקאָט אלס פארטיידיגער.

### ארטיקעל 7.

אין קלאָגעס פון קאמאן לאָא (געזעצע וואָס זיינען געוואָרען דורך ענטשיידונגען פון ריכטער און ניט וואָס זיינען פארפאסט געוואָרען פון געזעצמאכער. אמאָל ווערט דאָס אויך אָנגערופען „ניט געשריבענע געזעץ”.) וואו די געלט ווערטה פון שטרייט באטרעפט מעהר ווי צוואַנציג דאָלאר זאָל דאָס רעכט פון א פּראָצעס דורך א דזשורי אָנגעהאַלטען ווערען; און קיין זאך וואָס ווערט פּראָצעסירט דורך א דזשורי זאָל אין קיין אַנדער געריכט ווידער ניט עקזאמינירט ווערען ווי נאָר לויט קאמאן לאָא.

### ארטיקעל 8.

קיין צו גרויסע „בעיל” (ערבות, פּאָרוטשיטעלסטוואָ, זאלאָג, אָדער פארזיכערונג) זאָל ניט פארלאנגט ווערען. קיין צו גרויסע געלד שטראָפען זאָל ניט ארויפגעלעגט ווערען, אויך זאָל קיינע גרויזאמע און אויסערגע־וועהנליך שווערע באשטראָפונגען ניט געגעבען ווערען.

### ארטיקעל 9.

דאָס וואָס די קאָנסטיטוציאָן רעכענט אויס געוויסע רעכטע פון פאָלק זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערען אָפּצולייקענען אָדער צו באשריי־קען די אנדערע רעכטע וואָס דאָס פאָלק באזיצט.

### ארטיקעל 10.

די רעכטע וואָס ווערען ניט פון דער קאָנסטיטוציאָן איבערגעגעבען צו די פאראייניגטע שטאאטען, און אויך ניט פארווערט פון איהר צו די באזונדערע שטאאטען, באלאנגען צו די באזונדערע שטאאטען אָדער צום פאָלק.

### ארטיקעל 11.

די געריכטליכע מאכט פון די פאראייניגטע שטאאטען זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערען אזוי אז זיי זאָלען קענען אריינגעמען קלאגעס אין

געזעץ אָדער גערעכטיגקייט, וועלכע זיינען אָנגעפיהרט אָדער אָנגעפאַנגען געוואָרען געגען איינעם פון די פאַראייניגטע שטאַאטען פון בירגער פון אַן אַנדער שטאַאט, אָדער פון בירגער אָדער אונטערטאַנען פון אַ פרעמדער מדינה.

## אַרטיקעל 12.

די עלעקטאָרס זאָלען זיך פאַרזאַמלען אין זייערע באַזונדערע שטאַאטען און שטימען דורך אַ שטימצעטעל פאַר פּרעזידענט און פאַר וויצע פּרעזידענט, איינער פון וועלכע, וויינינגסטענס, זאָל ניט זיין קיין איינוואָהנער פון דעמזעלביגען שטאַאט ווי זיי. זיי זאָלען אָנגעבען אויף זייערע שטימצעטלען דעם נאָמען פון דעם פאַר וועלכען זיי שטימען פאַר פּרעזידענט, און אויף אַ באַזונדערען שטימצעטעל דעם נאָמען פון פּערזאָן פאַר וועמען זיי שטימען אַלס וויצע פּרעזידענט; און זיי זאָלען מאַכען באַזונדערע ליסטען פון אַלע פּערזאָנען וואָס ווערען געשטימט פאַר פּרעזידענט, און פון אַלע פּערזאָנען וועלכע ווערען געשטימט אַלס וויצע פּרעזידענטען, און פון דער צאָהל שטימען פאַר יעדען; דיזע ליסטע זאָלען זיי אונטערשרייבען און באַשטעטיגען, און איבערשיקען פאַרזיגעלטע צום זיץ פון דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַאטען אַדרעסירט צום פּאָרזיצענדער פון סענאַט. דער פּאָרזיצענדער פון סענאַט זאָל, אין דער אָנוועזענהייט פון סענאַט און רעפּרעזענטאַנטען הויז, עפענען אַלע באַשטעטיגונגען און די שטימען זאָלען דאַמאָלסט געצעהלט ווערען. די פּערזאָן וואָס קריגט די גרעסטע צאָהל שטימען פאַר פּרעזידענט זאָל זיין דער פּרעזידענט. אויב דיזע צאָהל וועט זיין אַ מאַיאָריטעט פון דער גאַנצער צאָהל באַשטימטע עלעקטאָרס; אויב קיין פּערזאָן האָט ניט געקראָגען קיין מאַיאָריטעט, דאַמאָלסט זאָל דאָס רעפּרעזענטאַנטען הויז ערוועהלען דורך אַ שטימצעטעל דעם פּרעזידענט פון ניט מעהר ווי דריי פון די פּערזאָנען וועלכע זיינען געווען די העכסטע אויף די שטימצעטלען פאַר פּרעזידענט. אָבער ביים ערוועהלען אַ פּרעזידענט זאָלען די שטימען גענומען ווערען דורך שטאַאטען. די פאַרטרעטער פון יעדען שטאַאט זאָלען האָבען איין שטימע; אַ קוואָרום (אַ גענוגענדע צאָהל) פאַר דיזען צוועק זאָל באַשטעהן פון אַ מיטגליעד אָדער מיטגליעדער פון צוויי דריטעל פון די שטאַאטען, און אַ מאַיאָריטעט פון אַלע שטאַאטען זאָל זיין נויטיג פאַר דער ערוועהלונג. און אויב דאָס רעפּרעזענטאַנטען הויז וועט ניט דערוועהלען אַ פּרעזידענט, ווען דיזעס רעכט איז געפאַלען אויף זיי, פאַר דעם פיערטען טאָג פון פאָלגענדען מאָנאַט מערץ, דאַן זאָל דער וויצע־פּרעזידענט דיענען אַלס פּרעזידענט אַזוי ווי אין דעם פאַל פון טויט אָדער אַנדערע קאָנסטיטוציאָנעלע אונפעהיגקייט פון פּרעזידענט.

די פערזאָן וואָס האָט די גרעסטע צאָהל שטימען אַלס וויים פּרעזי־דענט זאָל זיין דער וויים פּרעזידענט, אויב דיזע צאָהל איז אַ מאַיאָריטעט פון דער גאַנצער צאָהל באשטימטע עלעקטאָרס; און אויב קיין פּערזאָן וועט ניט האָבען קיין מאַיאָריטעט שטימען, דאַן, פון די צוויי גרעסטע אויף די ליסטען, זאָל דער סענאַט ערוועהלען אַ וויים פּרעזידענט. אַ קוואָרום פאר דיזען צוועק זאָל באשטעהן פון צוויי דריטעל פון דער גאַנצער צאָהל סענאַטאָרען, און אַ מעהרהייט פון דער גאַנצער צאָהל זאָל זיין נויטיג צום ערוועהלען. אָבער קיין פּערזאָן וואָס איז לויט דער קאָנסטיטוציאָן אומפּאסיג צו זיין פּרעזידענט, זאָל ניט זיין פּאסיג פאר וויים פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען.

## א ר ט י ק ע ל 13.

קיין שקלאַפעריי און קיין געצוואונגענע ארבייט, אויסער אַלס שטראָף פאר אַ פארברעכען, פאר וועלכען די פּערזאָן זאָל האָבען געוועזען ריכטיג פאר׳משפּט, זאָל ניט עקזיסטירען אין די פאראייניגטע שטאאטען, אָדער אירגענד וועלכער פּלאַץ וואָס שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון די פאראייניגטע שטאאטען.

דער קאָנגרעס זאָל האָבען די מאַכט דורכצופיהרען דיזען ארטיקעל דורך פּאסיגע געזעצע.

## א ר ט י ק ע ל 14.

ט י י ל 1. אַלע פּערזאָנען וואָס זיינען געבוירען אָדער געוואָרען בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען, און זיינען אונטערוואָרפען אונ־טער דער רעגירונג, זיינען בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען און פון די שטאאטען וואו זיי וואוינען. קיין שטאאט זאָל ניט מאַכען אָדער דורכפיהרען אַ געזעץ וואָס זאָל באַשרענקען די רעכטע אָדער פרייהייטען פון בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען; אויך זאָל קיין שטאאט ניט צונעהמען פון קיינעם זיין לעבען, פרייהייט, אָדער אייגענטום אָהן אַ ריכטיגען פּראָצעס פון געזעץ; אויך זאָל דער שטאאט אין זיינע גרע־נעצען ניט ענטזאָגען קיין פּערזאָן די גלייכע שוץ פון די געזעצע.

ט י י ל 2. קאָנגרעסלייטע זאָלען איינגעטיילט ווערען אין באזונ־דערע שטאאטען לויט זייער באזונדערע צאָהל איינוואָהנער אין יעדען שטאאט, אויסער אינדיאַנער וועלכע צאָהלען ניט קיין שטייערען. אָבער ווען דאָס רעכט צו שטימען ביי די וואהלען צו ערוועהלען עלעקטאָרס פאר פּרעזידענט אָדער וויים פּרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען, פאר פארטרעטער פון קאָנגרעס, פאר די וואָס פיהרען דורך אָדער די וואָס טייטשען אוים די געזעצע פון אַ שטאאט אָדער די געזעצמאַכער

פון דאָרטען ווערען ענטזאגט צו אימיצען פון די מענליכע איינוואָהנער פון דיזען שטאאט, וועלכע זיינען איין און צוואנציג יאָהר אלט, און זיינען בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען, אָדער דאָס רעכט ווערט אויף וועלכען אופן באשרענקט, א חוץ פאר אנטיילנעמען אין אן אויפשטאנד אָדער אין אן אנדער פארברעכען, זאָל די צאָהל פון פארטרעטערשאפט פארקלענערט ווערען אויף דער פראָפּאָרציע וואָס די צאָהל פון דיזע מענליכע בירגער טראָגט אויס אין פארגלייך מיט דער גאנצער מענליכער בירגער צאָהל פון 21 יאָהר אלט אין דיזען שטאאט.

ט י י ל 3. קיין פּערזאָן זאָל ניט זיין א סענאַטאָר אָדער א פאר־טרעטער אין קאָנגרעס, אָדער אן עלעקטאָר פון פּרעזידענט און וויים פּרעזידענט, אָדער אָנהאַלטען אן אמט, ציוויל אָדער מיליטער, אונטער די פאראייניגטע שטאאטען, אָדער אונטער וועלכען ניט איז שטאאט, וועלכער, האָבענדיג פריהער גענומען א שבועה אלס מיטגליד פון קאָנ־גרעס, אָדער אלס באאמטער פון די פאראייניגטע שטאאטען, אָדער אלס מיטגליד פון א שטאאט געזעצמאכענדער קערפערשאפט, אָדער אלס געזעץ־דורכפיהרענדער אָדער געזעץ־פארטייטשענדער באאמטער פון איר־גענד וועלכען שטאאט, צו שטיצען די קאָנסטיטוציאָן פון די פאראייניג־טע שטאאטען, זאָל ער נאכהער האָבען גענומען אנטייל אין אן אויפ־שטאנד אָדער בונט געגען דיזעלבע, אָדער האָבען געגעבען שטיצע און באקוועמליכקייט צו זייערע פיינדע. אָבער דער קאָנגרעס מעג, דורך דער אָפּשטימונג פון צוויי דריטעל פון יעדען הויז, ארונטערנעמען דיזען חסרון.

ט י י ל 4. וועגען דער גילטיגקייט פון די קהל׳שע שולדען פון די פאראייניגטע שטאאטען, וואָס זיינען באפאָלמעכטיגט דורכ׳ן געזעץ, אריינרעכענענדיג די שולדען וואָס ווערען געמאכט כדי צו באצאָהלען פענסיעס און באלוינונגען פאר דיענסט און אונטערדריקען אן אויפשטאנד אָדער בונט, זאָל קיין פראַגע ניט זיין. אָבער ניט די פאראייניגטע שטאאטען און קיין איינצעלנער שטאאט זאָל איבערנעמען אָדער באצאָ־לען א חוב אָדער פארפליכטונג וואָס איז געמאכט געוואָרען ווערענד דעם אָנפיהרען א בונט אָדער אן אויפשטאנד געגען די פאראייניגטע שטאאטען, אָדער אירגענד וועלכע פאָדערונג פאר׳ן פארלוסט דורך דער באפרייאונג פון א שקלאַף; און אלע אזעלכע שולדען, פארפליכטונגען, און פאָדערונגען זאָלען געהאַלטען ווערען אלס אומגעזעצליך און בטל.

ט י י ל 5. דער קאָנגרעס זאָל האָבען די מאכט צו צווינגען דורך פאסיגע געזעצע, די דורכפיהרונג פון דיזען ארטיקעל.

## א ר ט י ק ע ל 15.

דאָס רעכט פון די בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען צו שטי־מען זאָל ניט אָפּגענומען ווערען אָדער באשרענקט ווערען דורך די

פאראייניגטע שטאאטען אָדער פון אַן איינצעלנעם שטאאט צוליב ראסע, קאָליער, אָדער פריהערדיגער לאַגע פון שקלאַפעריי.

דער קאָנגרעס זאָל האָבען די מאַכט צו צווינגען דאָס דורכפיהרען פון דיזען ארטיקעל דורך פאסענדע געזעצע.

## ארטיקעל 16.

דער קאָנגרעס זאָל האָבען די מאַכט ארויפצולעגען און צו זאמלען שטייערען אויף איינקינפטע, פון אירגענד וועלכען קוואַל, און דיזע שטייערען איינצוטיילען צווישען די פארשידענע שטאאטען, און ניט נעמען אין אנבאטראַכט קיין צענזוס אָדער פאָלקס צעהלונג.

## ארטיקעל 17.

טייל 1. דער סענאַט פון די פאראייניגטע שטאאטען זאָל באַשטעהן פון צוויי סענאַטאָרען פון יעדען שטאאט, וועלכע זאָלען ערוועהלט ווערען פון פאָלק, פון יעדען שטאאט, אויף א טערמין פון זעקס יאָהר; און יעדער סענאַטאָר זאָל האָבען איין שטימע. די וועהלער פון יעדער שטאאט זאָלען האָבען די אייגענשאַפטען וואָס ווערען געפאָדערט פון וועהלער פון דער צאָהלרייכסטער טייל פון דער געזעצמאַכענדער אָפּטיילונג פון דיזען שטאאט.

טייל 2. ווען עס ווערט לײדיג א פלאַץ פון א שטאאט אין סענאַט, זאָל דער עקזעקוטיווער באאמטער (גאָווערנאָר) פון דעם שטאאט ארויסלאָזען אַן אויפרוף פאַר וואהלען כדי אויסצופילען דיזען פלאַץ אָדער פלעצער; בתנאי, אַז די געזעץ־מאַכענדע אָפּטיילונג פון דעם שטאאט מעג באפאָלמעכטיגען דעם עקזעקוטיוו באאמטען צו מאַכען א צייטוויילינע באשטימונג ביז דאָס פאָלק וועט אויספילען די ערליידיגטע פלעצער דורך די וואהלען, ווי די געזעצמאַכענדע אָפּטיילונג וועט הייסען.

טייל 3. דיזער אַמענדמענט זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערען אַזוי, אַז עס זאָל ווירקען אויף דער ערוועהלונג אָדער טערמין פון א סענאַטאָר וואָס איז ערוועהלט געוואָרען איידער דיזער אַמענדמענט וועט ווערען גילטיג אַלס א טייל פון דער קאָנסטיטוציאָן.

## ארטיקעל 18.

טייל 1. איין יאָהר נאָך דער צושטימונג צו דיזען ארטיקעל, זאָל גלייך פארבאָטען ווערען דאָס פאבריצירען, פארקויפען, אָדער איבער־שיקען פון פאַר׳שכור׳ענדע געטרענקע, און דאָס אריינברייגגען דערפון

אין, און דאָס ארויספיהרען פון, די פאראייניגטע שטאאטען און יעדער טעריטאָריע וואָס שטעהט אונטער זייער רשות.

טייל 2. דער קאָנגרעס צוזאמען מיט די פארשידענע שטאאטען זאָלען האָבען די מאַכט דורכצופיהרען דיזען פונקט מיט פאסענדע געזעצע.

טייל 3. דיזער פונקט זאָל ניט זיין דורכפיהרבאר, סאידען ער זאָל צוגעשטימט ווערען אַלס אַן אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציאָן דורך די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען פון די פארשידענע שטאאטען, ווי די קאָנסטיטוציאָן שרייבט פאָר, אין דעם פארלויף פון זיבען יאָהר פון דעם טאָג וואָס דער קאָנגרעס וועט איבערגעבען דיזען פונקט צו די שטאאטען.

## ארטיקעל 19.

דאָס רעכט פון בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען צו שטימען זאָל ניט ווערען ענטזאָגט אָדער געשטערט פון די פאראייניגטע שטאאטען אָדער פון קיין איינצעלנעם שטאאט איבער געשלעכט (צו מען איז א זכר אָדער נקבה).

דער קאָנגרעס זאָל האָבען די מאַכט דורכצופיהרען דיזען ארטיקעל דורך פאסיגע געזעצע.

# גוטע עצות לטובה מענער און פרויען

(דיזע קליינע ידיעות, וואָס קענען פיעל בעהילפיג זיין אין א נויטפאל, זיינען טיילוויז ענטנומען פון ביכלאך, ארויסגעגעבען פון די שטאאטען קאָנעקטיקוט און קאַליפאָרניא.)

## אויב איר זייט אין א פארלעגענהייט

אלע פרעמדע וואָס ווילען עפּעס אויסגעפינען, אָדער ווילען זיך באַקלאָגען אויף עפּעס אַ קריוודע וואָס איז געגען זיי באַגאַנגען געוואָרען, זאָלען זיך ווענדען פּערזענלאַך אָדער שריפטלאַך צום לערער פון דער נאָהענסטער אַמעריקאַניזאַציאָנס שולע, אין דער געגענד אין וועלכער זיי וואָהנען.

די וואָס וואָהנען אין קליוולאנד, אָהייאָ, זאָלען זיך ווענדען צו דער סיטיזענס ביוראָ, אָלד קאונטרי קאָרט האוז, פּאָבליק סקווער.

אין פילע שטעדט אין מעסעטשוזעטס ווערען אימיגראַנטען באַהילפיג ווערען מיט ראַטה און טהאַט אין די פּאָלק'ס ביבליאָטעקען (פּאָבליק לייברעריס).

די הילפס אָרגאַניזאַציעס, וועגען וועלכע עס איז גערעדט געוואָרען אין קאַפּיטעל אונטער'ן קעפּעל „געפינען ארבייט", וועט אויך באַהילפיג זיין צו פילע אימיגראַנטען ווען זיי נויטיגען זיך.

## ידיעות וועגען רייזען

קויפט אייער אייזענבאַהן בילעטען אָדער שיפסקארטען בלויז אין די קאַנטאָרען פון די קאָפּאַניעס

איהר קענט מיט זיך מיטפיהרען אביסעל באַגאַזש. דיזעס קענט איהר אריינגעבען אין דעם באַגאַזש קאַנטאָר מען זאָל עס פיהרען פאַר אייך. איהר קריגט א קוויטאַנציע (אין ענגליש רופט מען דאָס א „בעגעדזש טשעק"). אזא סאָרט „טשעק" ווערט אויך צוגעטשעפּעט, מיט א נומער צו יעדען פּעקעל, טשעמאָדאַן אָדער קאַסטען, און איין טשעק, מיט דעמזעלבען נומער ווערט אַרויסגעגעבען צו אייך. ווען איהר קומט צו דער ענדע פון אייער רייזע, געהט מיט אייער „בעגעדזש טשעק" אריין אין דעם באַגאַזש צימער פון דעם וואָקזאַל וואו איהר האָט פארלאָזט דעם באַהן. פארלירט ניט אייער קוויטאַנציע, און גיט דעם טשעק אויך ניט אין קיין אנדער וואָקזאַל ווי אין דער אין וועלכען איהר האָט אָפּגעשטייגט, און וואוהין אייער באַהן בילעט האָט אייך בארעכטיגט צו פאָהרען.

אויב אייער באגאזש איז פארלוירען געגאנגען, אדער פארלענגערט געווארען, אדער גע'גנב'עט געווארען, אדער צושטערט געווארען, באראטה זיך מיט דעם באגאזש אגענט אדער מיט דעם אמעריקאניזאציאנס לעהרער פון אייער שטאדט.

## אין פאל פון קראנקהייט

אויב אימיצער פון אייער משפחה איז קראנק און איהר האט ניט קיין פריינד אדער קרובים אייך צו העלפען, לאזט וויסען דעם געזונדהייטס אויפפאסער („העלטה אפיסער") פון אייער שטאדט אדער קרייז, אדער ווענדעט זיך צו די וואהלטעטיגע געזעלשאפטען פון אייער געגענד. דער אנגעשטעלטער אין דער שטאדטישער געביידע קען אייך זאגען וואו עס געפינט זיך דער געזונדהייטס אויפפאסער. אויב איהר וואהנט אויסער דער שטאדט פרעגט אן ביי אייך אין פאטשט.

## אויב איר ווערט פארוואונדעט

אויב עס טרעפט זיך אייך עפעס אן אומגליק און איהר ווערט פארוואונדעט ביי דער ארבייט, זאלט איהר דאס גלייך מודיעה זיין צו אייער בעל הבית. אין פיעלע שטאאטען פאדערט דאס געזעץ פון אייער בעל הבית ער זאל אויפפאסען אויף אייך און אייך פארזארגען מיט דאקטאר, און ער זאל באצאהלען אייער שפיטאל אדער רעצעפטען געלט.

עס איז זאגאר פאראנען א געזעץ וואס צווינגט דעם בעל הבית אין פאל דער ארבייטער איז געווארען אומפעהיג צו דער ארבייט דורך אן אומגליק וואס האט איהם געטראפען ביי דער ארבייט, זאל דער בעל הבית צאהלען דיזען אומגליקליכען ארבייטער א טייל פון די שכירות וואס ער וואלט פארדינט, ווען ער זאל יא ארבייטען. אויב איהר קריעגט ניט די ריכטיגע דאקטוירישע באהאנדלונג, אדער איהר קריעגט ניט דעם ריכטיגען טייל פון די שכירות צו וועלכע איהר גלויבט דאס איהר זייט בארעכטיגט, זאלט איהר זיך ווענדען צו דער רעגירונגס געזעלשאפט פון דעם שטאאט. איהר דארפט פאר דעם ניט האבען קיין אדוואקטט, אדער מליץ יושר. איהר זאלט שרייבען צום קאמיסיאנער אייער נאמען, אייער באשעפטיגונג, ווי פיעל שטונדען א טאג און ווי פיעל טעג אין וואך איהר ארבייט. און ווי פיעל איהר פלעגט קריעגען אלס שכירות פאר א טאג, אדער וואך אדער חודש; אייער אדרעס, אייערע יאהרען, דעם נאמען פון אייער בעל הבית, דעם נאמען פון דאקטאר וואס האט אייך באהאנדעלט, וואס פאר א סארט באשיידיגונג איהר האט געקראגען, ווי דאס האט פאסירט, א פאר נעמען פון עדות וואס האבען געזעהן ווי דאס האט געטראפען, און דעם טאג אין וועלכען די פאסירונג איז געשעהן.

דער אַמעריקאַניזאַציאָנס לעהרער פון אייערע שוהלען, אָדער דער פּאָטשטעליאָן פון אייער שטעדטעל אָדער דערפעל, וועט אייך וואהר־שיינליך קענען געבען דעם נאָמען פון דעם קאָמיסיאָנער צו וועמען איהר זאָלט דאָס צושיקען.

## ווי אָפּצוהיטען אייער היים

זעהט אז אייערע צימערען זאָלען זיין ריין און שעהן און גוט געלופטערט.

איהר זאָלט אלע מאָל שלאָפען ביי אָפענע פענסטער.

זעהט אז אין אייער הויף זאָל זיך ניט אָנקלייבען קיין סך מיסט, שמאטעס אָדער שמוץ. אויב דער הויף באַלאַנגט צו מעהרער מענשען, מאכט אָפּ צווישען זיך אזוי, אז יעדער זאָל טאָן זיין חלק צו האַלטען ריין דעם הויף. אום צו האלטען א פּלאַץ אין גוטען צושטאַנד איז נויטיג, אז מען זאָל אָפט און אין באשטימטע צייטען ·אויפּפּאַסען אויף דעם.

איינע פון די אורזאכען פאר דעם צו גרויסען דירה־געלט אין די היינטיגע צייטען איז דאָס וואָס שכנים היטען ניט אָפּ די הייזער. איהר קענט מיטהעלפען צו פארקלענערען דירה־געלט דורך דעם, וואָס איהר וועט אויפּפּאַסען אויף אייער געדונגענער דירה פונקט אזוי ווי ווען עס וואָלט געווען אייערע אַן אייגענע.

איהר קענט מיטהעלפען צו מאכען אייער היימישע סביבה געזונטער און אנגענעהמער דורך דעם, וואָס איהר וועט העלפען ריין האַלטען די גאַסען, די טראָטוארען, די גערטענדלאך און די שפּיעל פּלעצער, און וועט ניט דערלאָזען עס זאָלען דאָרטען אָנגעוואָרפען ווערען שמאַטעס און מיסט.

שמוץ און מיסט ברייגנען פליגען אין אייער נאכבארשאפט, און דאָס ארום אייער היים ברייגנט באַצילען און קראַנקהייטען, פון וועלכע מען ליידעט פיעל און אָפט שטאַרבט מען אויך אוועק.

## אויב איר ווערט ארעסטירט און געהאלטען געפאנגען

אויב איהר ווערט ארעסטירט אויף אירגענד וועלכער קלאגע, חוץ מאָרד, האָט איהר א רעכט צו געבען „בעיל" (ערבות, פּאָרוטשיטעלסטווא, זאַלאָג, אָדער א משכון) און איהר זאָלט ווערען אָפּגעלאָזען. איהר האָט אויך א רעכט צו האָבען אַן אדוואָקאט, וועלכער זאָל באלד אייך קומען זעהן. איהר זאָלט קיין מאָל ניט אָנשטעלען אלס אייער אדוואָקאַט איינעם וואָס איז אליין געקומען אייך זעהן אין געפענגניס, סאַידען איהר האָט נאָך איהם געשיקט. גוטע אדוואָקאטען געהען ניט אין די געפענגניסע זוכען פּרנסה. נעהמט ניט אָן אלס אייער פארטיידיגער אן אדוואָקאַט וואָס ווערט צו אייך רעקאָמענדירט פון אַנדערע געפאַנגענע, אָדער פון באאמטע. אויב אייך שיינט אַז אייער אדוואָקאַט (לאָיער) פּאַסט ניט

ווי געהעריג איז אויף אייערע אינטערעסען, לאָזט דאָס וויסען דעם אמע־ריקאניזיישאָן לעהרער פון אייער שולע.

## אדוואָקאטען (לאָיערס)

עס זיינען פאראנען גוטע און עהרליכע אדוואָקאטען און אויך זיינען פאראנען שלעכטע. עס טרעפט אמאָל, אז מענשען פרעטענדירען צו זיין אדוואָקאטען וואָס האָבען גאָר קיין רעכט ניט צו פּראַקטיצירען. עס טרעפט אמאָל אז אדוואָקאטען באשווינדלען זייערע קליענטען. אויב איהר האָט אָנגעטראָפען אויף א שלעכטען אָדער אונעהרליכען אדוואָקאט לאָזט דאָס וויסען דעם אמעריקאניזיישאָן לעהרער פון אייער געגענד.

אַן אדוואָקאט וואָס קומט צו אייך איהר זאָלט איהם אָנשטעלען איז ניט קיין גוטער אדוואָקאט.

אויב איהר דארפט אן אדוואָקאט און קענט קיינעם ניט, זאָלט איהר נאָכפרעגען ביי איינעגע פון אייערע פריינד און באקאנטע ביז איהר וועט געפינען איינעם וואָס האָט א גוטען נאָמען.

דינגט ניט קיין אדוואָקאט וואָס זאָגט אייך צו צו טאָן עפּעס אומ־געזעצליכעס פאר אייך. אזעלכע אדוואָקאטען און זייערע קליענטען ווערען אלע מאָל געכאַפּט.

אויב איהר דארפט אַן אדוואָקאט און האָט ניט קיין געלט איהם צו באצאָהלען, ווענדעט זיך צו א געזעצליכער הילפס געזעלשאפט.

## איבערזעצער

אמאָל טרעפט דאָס אימיגראנטען ליידען פון פאַלשע איבערזעצער. ווען איהר דארפט געהן אין געריכט אריין נעהמט מיט איינעם מיט זיך וואָס קאָן איבערזעצען אום איהר זאָלט זיין זיכער דאָס דער געריכט וועט וויסען ריכטיג וואָס איהר ווילט און אויך אום צו זיין זיכער אז דער אָפּי־ציאלער איבערזעצער, אָדער אז דער איבערזעצער פון דעם צד שכנגד איבערזעצט עהרליך און ריכטיג וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען. איינער דאַרף ניט דוקא זיין א פּראָפעסיאָנעלער איבערזעצער אום צו איבערגעבען ריכטיג. זעהר אָפט זיינען אינגלאך פון אייער אייגענער ראסע, וועלכע געהען אין א העכערע שולע, גוטע איבערזעצער. אָבער איהר דארפט צוערשט זיין זיכער, אז דער פּערזאָן אויף וועמען איהר פארלאָזט זיך איז ניט קיין פאַלשער פריינד און איהר מעגט זיך פארלאָזען אויף איהם.

דינגט ניט קיין פּראָפעסיאָנעלען איבערזעצער וואָס האָט א שלעכטע רעפּוטאציע. איר קענט נאָך מיינען, אז ער טוט גוטעס פאר אייך ווען באמת ארבייט ער געגען אייך. דינגט ניט קיין איבערזעצער וואָס איז צו אייך רעקאָמענדירט געוואָרען ביי אזא מענשען, וועמען איהר גלויבט

ניט צו שטארק. ווען איהר צאהלט געלט צו אימיצען אדער געהט איין אויף געוויסע תנאים, זייט זיכער אז אלע וואס זיינען פאראינטערעסירט זיינען דערביי אנוועזענד ווען אלעס ווערט דייטליך איבערגערעדט. עס טרעפט אמאל אז איבערזעצער דערצעהלען זייער צד אז מען מוז באצאהלען יענעם א גרויסע סומע געלט און דערנאך שטופען זיי די ממתקים אריין אין זייערע קעשענעס. אויב איהר ווייסט פון אזעלכע פארטען איבערזעצער גיט איבער זייערע נעמען צום לעהרער פון אמריקאניזאציאן אין אייער געגענד.

## געהן זיך משפט'ן

משפט זיך ניט סאידען איהר מוזט. זייט ניט קיין יאבעטניקעס. אויב איהר האט עפעס א סכסוך איבער מסחור אדער הויז אנגעלעגענהייטען און קענט זיך בשום אופן ניט אויסגלייכען אליין, געהט אריבער צום אמעריקאניזיישאן לעהרער פון דער שוהלע אין אייער געגענד און ער וועט פרובירען מאכען א פשרה צווישען אייך אויף א פרידליכען אופן.

אייברעהעם לינקאלן האט געזאגט: „לאדט זיך וואס וויניגער. ווען עס איז נאר מעגליך זאלט איהר איבעררעדען אייער שכן איינצוגעהן אויף פשרות. באווייזט איהם ווי אפט איז דער וואס איז דער כלומרשט געוואונענער דער אמת'ער פארלירער, ווייל עס האט איהם אזוי פיעל אפגעקאסט הוצאות, און שכר, און ער האט פארלוירען אזוי פיעל צייט, אז די גאנצע מעשה האט זיך איהם ניט געלוינט. עס איז „יצה שכרו בהפסדו".

אויב אימיצער קריוודעט אייך און איהר ווייסט ניט צו איהר זאלט איהם ארעסטירען אדער ניט, זעהט זיך מיט דעם אמעריקאניזאציאנס לעהרער פון דער שוהלע אין אייער געגענד און פרעגט ביי איהם אן עצה.

## געזעצליכע דאקומענטען

אויב איהר האט דערהאלטען עפעס א געזעצליכען פאפיר פון א באאמטען, געהט גלייך צום אנגעשטעלטען פון דער שטאדט געביידע, אדער צו דעם לעהרער פון אמעריקאניזאציאן אין אייער געגענד, און געפינט אויס וואס דאס איז. לייגט ניט אפ ווייל איהר קענט דערנאך האבען צו זאגען און צו זינגען.

## אונטערשרייבען פאפירען

שרייבט ניט אונטער קיין פאפיר ביז איהר ווייסט ניט אויף זיכער וואס דארטען שטעהט געשריבען. טאמער וועט איהר דאס יא טאן, קאן זיך מאכען איהר זאלט טייער באצאהלען פאר דעם. אויב איהר

קענט אליין ניט לייענען אָדער פארשטעהן דעם פּאַפּיר, קריגט אזא פּערזאָן אויף וועמען איהר קענט זיך פארלאָזען און זאָל ער עס איבער־לייענען און אייך ערקלערען. דער אמעריקאניזאציאָנס לעהרער פון דער שוהלע אין אייער געגענד וועט מיט צופרידענהייט אייך מיטהעלפען.

## קאָנטראַקטען

אויב איהר שליסט א קאָנטראקט אָדער מאַכט עפּעס אָפּ מיט אימי־צען צו וועגען מסחר אָדער וועגען אירגענד וועלכער אנדערער זאך, זאָל דער קאָנטראקט אָדער דער אָפּמאַך זיין א געשריבענער. אויף דיזען וועג קענט איהר זיין זיכער צו וואָס איהר שטימט איין. פּיעלע לאָדע־נישען וואָלטען פארמידען געוואָרען ווען מענשען זאָלען זיך פארשטעהן ביים אָנפאנג. אָבער זייט זיכער אז אין פּאַפּיר איז געשריבען ריכטיג דאָס וואָס איהר מיינט, און געדענקט איהר זאָלט זיך ניט אונטערשרייבען אונטער דיזען פּאַפּיר ביז איהר ווייסט ניט ריכטיג וואָס דאָרטען איז געשריבען. אויב איהר האָט דערנאָך צרות, פרעגט אן עצה ביים אָמע־ריקאניזאציאָנס לעהרער, ער וועט אייך אפשר קענען מיטהעלפען.

## שותפות

זעהר אָפט האָבען מענשען קריגערייען איבער דעם, וואָס זיי זיינען בשותפות. אויב איהר געהט מיט אימיצען אריין בשותפות אין א מסחר, זייט זיכער דאָס איהר זייט ביידע איינפארשטאַנען ריכטיג איבער וואָס יעדער דארף טאָן און ריכטיג ווי אזוי די רעכענונגען זאָלען געהאלטען ווערען. די מעהרסטע צרות צווישען שותפים קען פארמידען ווערען אויב די תנאים זיינען ריכטיג און פּאָרזיכטיג אויסגעשריבען.

## שעדיגען פּערזאָנען אָדער אייגענטום

אויב איהר אליין אָדער עפּעס וואָס באלאנגט צו אייך ווערט אויף אירגענד וועלכען אופן באשעדיגט פון א טראמוויי, אָן אָטאָמאָביל, א וואָגען, אָדער אויף וואָס פאר א וועג עס זאָל ניט פּאַסירען דורך דער נאַכלעסיגקייט פון אן אנדערען, קען זיך מאַכען, אז איהר זייט בארעכטיגט צו קריגען באַצאָהלט פאר אייער שאָדען. שרייבט זיך ניט אונטער אויף קיינע צעטעלאך, אָדער קוויטאַנציעס, ביז איהר געפינט אויס ריכטיג וואָס אייערע רעכטע זיינען. דער אָמעריקאניזאציאָנס לעהרער פון אייער געגענד קען אייך העלפען אין אזא פאַל.

## שטייערען אָדער טאַקסעס אויף די הכנסות פון פרעמדע

מענשען וואָס זיינען ניט געבוירען אין דיזען לאַנד און האָבען זיך אין ריכטיגען זין פון וואָרט דאָ ניט געמאַכט זייער היים, דארפען באַצאָהלען שטייערען אויף די הכנסות וואָס זיי האָבען פון אמעריקאַנער קוואלען.

מענשען וואָס זיינען געבוירען געוואָרען אין אנדערע לענדער אָבער וועלכע האָבען זיך דאָ באזעצט מוזען צאָהלען איינקונפטס שטייערען אויף אַלע הכנסות פון וואָס פאַר א קוואַל עס זאָל ניט זיין, חוץ די געוועהנליכע ארונטערלאָזעכצען וואָס דאָס געזעץ שרייבט פאָר. אויב איהר וואוינט און באאבזיכטיגט צו פארבלייבען אין די פאראייניגטע שטאַטען, קענט איהר אויספילען א פאפיר וועלכען די רעגירונג פארזאָרגט פאר אייך, און פאָדערען וואָהנונגס רעכטע אין דיזען לאַנד. דיזע פאַפירען קען מען קריגען פון דעם, וואָס זאמעלט די שטייערען, „דער אינטוירנאַל רעוועניו קאָלעקטאָר”, אין דער רעגירונגס געביידע. אויב איהר וועט אָנפרעגען אין אייער פּאָטשט (פּאָסט אָפּיס), וועט איהר אויסגעפינען וואו עס געפינט זיך דער נאָהענטסטער „אינטערנאַל רעוועניו קאָלעקטאָר”. נאָך דעם ווי איר האָט אונטערשריבען דעם פּאפיר, דארפט איר שוין בלויז באצאָהלען אזוי פיעל טאַקסעס ווי יעדער אַמעריקאנער בירגער. אייניגע פרעמדע האָבען דעם טעות וואָס זיי מיינען, אז מיט דעם וואָס זיי שרייבען אונטער דעם פּאפּיר ווערען זיי שוין בירגער פון לאַנד. דאָס איז פאַלש, ווייל א בירגער קען מען בלויז ווערען ווען מ׳נעהמט ארויס ריכטיגע בירגער פּאפּירען. אויב איהר וועט ניט אויסמאַכען קיין פּאפּיר וועגען א שטענדיגען וואָהנונג דאָ אין לאַנד וועט איהר דארפען צאָהלען גרעסערע טאַקסעס.

## סיגנאַלען וועגען געפאַהר אויף אייזענבאַהנען און קהל׳שע וועגען

די מעהרסטע שטאַאטען שטעלען ארויס סיגנאַלען אָדער שילדען אויף די קהל׳שע וועגען, צו ווארנען רייזענדער געגען געפאהרען אויפ׳ן וועג צו וועלכען זיי קומען נעהענטער. די סיגנאַלען ווארנען אייך ווען איהר קומט צום פּלאַץ וואָס דער וועג ווערט איבערגעשניטען פון אייזענבאַהן רעלסען זיי זאָגען אייך ווען עס פארקירעוועט זיך שטאַרק דער וועג, אָדער וואו עס איז א גרויסער בארג אָדער טיפער טאָהל אויפ׳ן וועג. זיי זאָגען אייך צו פאָהרען פאָרזיכטיג און פּאַמעלעכען ווען עס איז דאָ א קינדער שוהלע לעבען דעם וועג, כדי איהר זאָלט ניט חלילה איבערפאָהרען א קינד. לעהרנט זיך אוים איבערצולעזען, צו פארשטעהן און אויסצופאָלגען די דאָזיגע שילדען. פאָרט פּאַמעלעכען ווען איהר זעהט אזא ווארנונג.

זייט אויסערגעווענליך פאָרזיכטיג ביים אריבערפאָהרען אייזענבאהן רעלסען. עס איז פיעל זיכערער זיך אָפּשטעלען, קוקען און הערען, איידער מ'פאָהרט אריבער רעלסען.

ביי איינינע אייזענבאהנען זיינען פאראנען סיגנאלען וואָס זאָגען אָן ווען א באהן קומט אָן; אמאָל קלינגט א גלעקעל; אמאָל באווייזט זיך א רויטער פייערל; אמאָל איז דאָ א מאן וואָס היט און הייסט זיך אָפּשטעלען. איינינע וועגען ווערען פארשטעלט מיט שטאַנגען וואָס לאָזען זיך ארונטער ווען א באהן האַלט ביים אָנקומען. אָבער עפטער פון אלעם איז בלויז דאָ א שילד וואָס ווארנט, אז רעלסען זיינען נאָהענט אויפ'ן וועג און אז מ'דארף זיך היטען. די דאָזיגע שילדען זיינען פאר־שידען אין זייערע פאָרמען און די ווערטער וואָס ווארנען זיך צו היטען. לעהרנט זיך אויס צו דערקענען די אלע סיגנאלען. טוט וואָס זיי הייסען אייך. אויב איהר פאָלגט ניט, זייט איהר אין געפאַהר גע'הרג'עט צו ווערען. אויב איהר טרייבט ניט פאָרזיכטיג, קענט איהר חלילה אנדערע דער'הרג'ענען. אומפאָרזכטיגע אָנטרייבער ווערען באשטראָפט פון געזעץ. די שטראָף איז געלט־שטראָף אָדער געפענגנים, אָדערביידע צוזאמען.

## לאַיסענס

### (דאָס הייסט א פּאַפּיר וואָס גיט אייך די ערלויבניש צו טאָן עפּעס.)

איידער איהר קענט אָנפאנגען א געשעפט, סאי אין א קראָם סאי מיט א פּעקעל אויף די פּלייצעס, מוזט איהר צום אלעם ערשטען ארויס־נעהמען א פּאַפּיר וואָס גיט אייך די ערלויבניש צו האנדלען. אין ענגליש ווערט דיזע ערלויבניש אָנגערופען „לאַיסענס". דיזע לאַיסענס קען מען ארויסנעהמען אין דעם קאנטאָר פון דעם אָנגעשטעלטען פון דער שטאָדט, אָדער פון דעם קרייז, (קאונטי קלוירק). אויב איהר געהט ניט צום אלעם ערשטען זעהן דיזע באאמטע, קענט איהר ווערען ארעסטירט און באַ־שטראָפט און אריינגעזעצט ווערען אין געפענגנים.

## געהן אויף געיעג אָדער כאַפּען פיש

אין די מעהרסטע שטאַאטען איז קיינעם ניט ערלויבט צו הרג'נען ווילדע פויגלען אָדער חיות סאַידען ער האָט א „לאַיסענס" אויף דעם. דיזע ערלויבניש פּאַפּירען קענען מעהרסטענטיילס ארויסגענומען ווערען אין די אָפּיסעס פון דעם קאונטי קלוירק, און אין די מעהרסטע קאנטאָ־רען פון די שטאָדטישע באאמטע. איהר מוזט דאַן כסדר מיטטראָגען מיט זיך די לאַיסענס וואוהין איהר געהט און ווען איהר געהט אויף געיעג. איינינע פיש, פויגלען און חיות קענען גאָר קיינמאָל ניט גע'הרג'עט ווערען (זעהט נאָך די דינים.) און אַנדערע מעגען גע'הרג'עט ווערען בלויז אין

באגרענעצטע צאָהלען און געוויסע גרוים, און אין געוויסע צייטען פון יאָהר.

אין אלגעמיין טאָר קיין מענש ניט האלטען קיין ווילדע פויגלען אָדער חיות אָהן קיין ספּעציאלער ערלויבניס. יעדע פּערזאָן וואָס פּאָלגט ניט אויס א פּונקט פון דיזע געזעצע איז שולדיג אין א פארברעכען. ברוטאליטעט פון אירגענד וואָס פאר א סאָרט צו א חיה איז אויך אנער־קענט פאר א פארברעכען און מען קען דערפאר באשטראָפט ווערען.

די פּרייזען פאר לאַיסענס זיינען מאנכעס מאָל גרעסערע פאר פרעמ־דע ווי פאר אמעריקאנער בירגער. ווען איהר וועט ווערען א בירגער וועט איהר דאן דארפען צאָהלען קלענערע פּרייזען.

## אויטאָמאָבילען און אַנדערע מאַשינען

אין די מעהרסטע שטאאטען פּאָדערט זיך צו האָבען לאַיסענס אום צו מעגען אָנטרייבען אן אויטאָמאָביל, א שווערען מאָטאָר וואָגען, א מאָטאָר וועגעלע, אָדער אנדערע סאָרטען מאשינען. עס זיינען דאָ א סך פארשידענע דינים וועגען דעם און קיינער זאָל ניט נעהמען זיך דאָס רעכט צו טרייבען א מאשין איידער ער ווערט נישט געוואָהר וועגען דיזע געזעצע, וויל טאָמער טוט איהר דאָס יאָ, קענט איהר נאָך באגעהן א פארברעכען פאר וועלכען איהר קענט שלעכט אָפּשניידען.

## ערלויבניש צו הייראַטען

די געזעצע פון די פאראייניגטע שטאאטען פּאָדערען דאָס יעדער מענש זאָל ארויסנעהמען א לאַיסענס צו הייראטען, איידער ער אָדער זי האָט חתונה. דיזע לאַיסענס קען מען ארויסנעהמען אין דעם קאָנטאָר פון דעם שטאָדט אָנגעשטעלטען (אָפיס אָוו קאונטי קלוירק).

## שפּייזען קינדער

עס איז די פליכט פון יעדען פאָטער און ·מוטער צו שפּייזען זייערע קינדער. אויב אירגענד וועלכע פּערזאָן וואָס קען מפרנס זיין זיינע קינ־דער ענטזאגט זיך צו געבען זיי שפּייז, קליידער, וואהנונג, אָדער נויטיגע מעדיצינישע הילפע פאר זיינע מינדעריעהריגע קינדער, אין די מעהרסטע שטאאטען ווערט ער אנערקענט פאר א פארברעכער און קען אריינגעזעצט ווערען אין געפענגניס, אָדער קען געצוואונגען ווערען צו ארבייטען אום מפרנס צו זיין די קינדער. אויב א מאן איז א פאָטער פון א קינד ביי א פרוי צו וועלכער ער איז גאָר ניט פארהייראט, ווערט ער אנערקענט אלס דער געזעצליכער פאָטער און דארף פּונקט אזוי מפרנס זיין דאָס קינד ווי פון א פרוי וואָס ער האָט יאָ געהייראט.

## מפרנס צו זיין א פרוי

אירגענד וועלכער מאן וואָס פארפעהלט צו באזאָרגען מיט אלעס זיין פרוי, ווערט אין די מעהרסטע שטאאטען אנערקענט פאר א פארברעכער, און קען ארייגעזעצט ווערען אין געפענגניס, אָדער געצוואונגען ווערען צו ארבייטען אום די פרוי צו באזאָרגען.

## קריעג צווישען מאַן און ווייב

אויב איהר האָט עפּעס א שלעכטען פאמיליען לעבען, זעהט זיך מיט דעם לעהרער פון אמעריקאניזאציאָן, אָדער מיט די וואָהלטעטיגע געזעלשאפטען פון דער שטאָדט אין וועלכער איהר וואָהנט, זיי וועלען אייך אפשר ארויסהעלפען. געהט ניט זעהן קיין אדוואָקאט איידער איהר האָט זיך מיט איינעם פון דיזע בעראטען.

## פאַרזיכערונג

יעדער מאַן פון א פאמיליע דארף טראָגען פארזיכערונג אויף זיין לעבען („אינשורענס", הייסט עס אין ענגליש) מאַכט ניט אויס ווי שווער עס קומט איהם אָן צו צאָהלען פאר דעם. די פרוי און קינדער פון א פאמיליען מאַן טאָר ניט געמאַכט ווערען צו ליידען אין פאַל פון טויט אָדער קראנקהייט און אומפעהיגקייט צו ארבייטען פון דעם קאָפּ פון דער פאמיליע. אינשורענס וועט דאָס באזאָרגען.

עס זיינען פאראנען פארשידענע פארזיכערונגען געגען פארלוסט דורך טויט, קראנקהייט, באשעדיגונג, פייער, און פיעלע אנדערע פעלע. איידער איהר שרייבט אונטער אן אפּליקאציאָן פאר פארזיכערונג, זייט זיכער, אז איהר ווייסט וואָס דאָרטען איז געשריבען כדי איהר זאָלט קריעגען די סאָרט פארזיכערונג וואָס איהר ווילט. ווען אייער אפּליקאציאָן איז ערהאלטען געוואָרען ביי דער פארזיכערונג געזעלשאפט וועט איהר קריעגען די „אינשורענס פּאָליסי" (פארזיכערונגס קאָנטראקט). דיזע אינשורענס פּאָליסי איז אייער קאָנטראקט מיט דער קאָמפּאני. ליינט איהם איבער פאָרזיכטיג אום צו זעהן צו עס ענטהאלט אין זיך אלע פונקטען וואָס דער אגענט האָט אייך צוגעזאָגט. אויב עס גיט אייך ניט די פארזיכערונג וואָס איהר האָט באשטעלט, שרייבט זיך באלד דורך מיט דער קאָמפּאני. דער אמעריקאניזאציאָנס לעהרער וועט זיין צופרידען אייך צו העלפען און ראטען ביים ארויסקריגען פארזיכערונג.

## אָפּגעשפּאָרטע געלט אין באַנק

אויב איהר שפּאָרט אָפּ געלט און ווילט דאָס האלטען אין א פּלאץ וואו איהר זאָלט צו יעדער צייט דאָס קענען ארויסנעהמען, קענט איהר

דאָס ארײנלעגען אין א באנק. א נאַציאָנאַלע אָדער שטאַאט באנק („נעשיאָנאל אָר סטײט בענק") איז די בעסטע באנק פאר אייך. פיעלע מענשען האָבען קאָמערציאלע רעכענונגען, אָדער ווי מען רופט עס ביי אונז „טשעק אקאונטס". דאָס געלט ליגט אין די באנקען אזוי, אז זיי קענען אויסגעבען „טשעקס", אָדער אָנווייזונגען, אויף ביסלאַך געלט צו יעדער צייט. דיזע טשעקס זיינען דאָסזעלביגע וואָס געלט, אויב עס איז נאָר דאָ געגונג אין באַנק צו דעקען די סומען פאר וועלכע די אָנווייזונגען ווערען ארויסגעגעבען. אויב עס איז ניטאָ קיין געלט אין באנק יוערט עס אנערקענט פאר א פארברעכען ארויסצוגעבען א טשעק.

אַנדערע ווידער לעגען אריין די געלט אין א שפּאָר־קאַסע, אָדער ווי מיר רופען עס דאָ: „סײווינג בענקס". אויף „סײווינג אקאונט" צאָהלען די באַנקען פּראָצענטען. געוועהנליך צאָהלען זיי ביי א פיער פּראָצענט. דאָס הייסט די באנק צאָהלט אייך פּראָצענט דערפאר וואָס זי באנוצט זיך מיט אייער געלט. דאָס איז א גוטער וועג ווי צו שפּאָרען, צו קויפען זיך שפּעטער א היים אָדער א געשעפט.

איהר קענט אויך ארײנלעגען אייער געלט אין דער פּאָטשט (פּאָסט אָפיס). די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען צאָהלט פּראָצענט פאר געלט וואָס ווערט ארײנגעלעגט אין פּאָסט אָפיס. די רעגירונג צאָהלט בלויז 2 פּראָצענט, אָבער דערפאר איז די געלט אבסאָלוט זיכער. פרעגט זיך אָן ביי אייער פּאָסט מייסטער וועגען דער אפטיילונג פון דער פּאָסט וואו מען לעגט אריין די געלט.

גיט ניט אייער געלט צו אייערן א פריינד ער זאָל דאָס האלטען פאר אייך. אנטלייט דאָס ניט צו א בעל בטוח, באהאלט דאָס ניט ביי זיך, וואָרים עס קען פארלוירען געהן, גע'גנב'עט ווערען, אָדער גאָר פארברענט ווערען. ווען איהר לעגט די געלט אריין אין א זיכערער באנק, אָדער אין דער פּאָסט, דאַן איז דאָס זיכער.

אויב איהר ווילט מיט אייער געלט עפּעס טאָן צו פארדינען, איז ניטאָ קיין מעהר זיכערער וועג ווי צו קויפען רעגירונגס פּאפּירען, אזעלכע ווי „וואָר סייווינג סטעמפּס" און „ליבערטי באָנדס". דאָס זיינען ווערטה פּאפּירען פון דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען, און זיינען דארום פּאָלקאָמען זיכער. די ערשטע קען מען באקומען אין יעדען פּאָסט אָפיס, און די אנדערע אין כמעט יעדער באנק, זיכער אין נאציאָנאלע אָדער שטאאט באנקען.

**שפּאָרט און פארדינט.** אויף דיזען וועג וועט איהר זיך פארזאָרגען פאר אן עת צרה, אויב זי וועט אמאָל חלילה קומען; איהר וועט האָבען געלט אויב עס וועט אויספעהלען ארבייט; איהר וועט זיין פארזאָרגט אויף דער עלטער, און וועט האָבען עפּעס איבערצולאָזען פאר אייערע קינדער.